The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

אונזערע טעלעפאן נומערן זענען
6830
6831
טריניטי

אונזער אפיס איז אין
542
דאנדעס וועסט

VOLUME XVII No 7443 — Sunday, November 23rd, 1930 — יום א׳, ג׳ כסלו, פרשה ויצא, תרצ"א. — טאראנטא, זונטאג דער 23-טער נאוועמבער, 1930. — PRICE THREE CENTS

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

אפיציעלע רוסישע נייעס-אגענטור לייקענט אז סטאלין איז דערמארדעט געווארען; נייעס וועגען די אונרוען איצט באשטעטיגט

קאמפיין אנגעהויבען איבער גאנץ רוסלאנד צו אויסריינינגען שעדליכע עלעמענטען פון דער ארמיי, רעגירונגס-אפיסעס און קאמוניסטישער פארטיי. — נייע אונרוהען ווערען באריכטעט צווישען רויטער ארמיי אין לענינגראד און קראנשטאדט.

מאסקווע, נאוו. 22.

די אפיציעלע „טאסס" נייעס-אגענטור האט היינט דערקלעהרט, אז די קלאנגען וואס האבען זיך געהאט פארשפרייט, אז יאזעף סטאלין, דער הערשער פון רוסלאנד, איז דערמארדעט געווארען, איז אבסאלוט אונבאגרינדעט.

די „טאסס" לייקענט שוין אויך אין איינוועגס אפ די באריכטען אז אונרוהען קומען פאר אין דער רויטער ארמיי, און זי זאגט, אז די דאזיגע באריכטען זענען פארשפרייט געווארען פון די שונאים פון דער סאוויעטען-רעגירונג.

לאנדאן, נאוו. 22.

טראץ די אפיציעלע אפלייקענונגען פון מאסקווע, האט אבער דער בערלינער קארעספאנדענט פון דער לאנדאנער „דיילי עקספרעסס" היינט צוגעשיקט נאך באריכטען וועגען פרישע אונרוהען אין רוסלאנד. די נייע באשטעטיגונגען זענען דערהאלטען געווארען פון רוסלאנד, טראץ דער שטרענגער צענזור דארטען.

לויט ווי דער קארעספאנדענט גיט איבער, זענען פארגעקומען אונרוהען ניט בלויז אין צוויי באטאליאנען פון דער רויטער ארמיי, נאר די אונרוהען זענען פארגעקומען אין גאנצע פיער באזונדערע מיליטערישע אפטיילונגען — די אנדערע צוויי, אין לענינגראד און אין קראנשטאדט, וואו אפיצירען און די מאנשאפט פון דער קריעגס-שיף „ווארקאוו" זענען פארשפארט געווארען אין אייזערנע קאמערען.

עס ווערט אויך איבערגעגעבען אז פעטערס, דער הויפט הענקער פון דער „אגפו" (געהיים פאליציי) איז אפגעשיקט געווארען מיט צוויי ארטילעריע באטעריען אין די אומרוהה-פלעצער „צו אויסריינינגען די רויטע ארמיי פון די שעדליכע עלעמענטען". עס ווערט אויך פארזיכערט, אז די קאמאנדירען מ. קארק פון מאסקווער מיליטערישען ראיאן און מ. טושאטשעווסקי פון לענינגראדער געגענט, זענען פאראדענט געווארען צו פארלאזען זייערע אמטען ביז אן אונטערזוכונג וועט פאלקומען וועגען די אונרוהען.

מאסקווע, נאוו. 22.

א קאמפיין איז איצט אנגעהויבען געווארען צו אויסריינינגען פון דער סאוויעטען-רעגירונג און פון דער קאמוניסטישער פארטיי איבער'ן גאנצען לאנד, אלע עלעמענטען וועלכע זענען שעדליך פאר דעם וואוויל פון דער מאכט. יאזעף אונשליכט, דער געוועזענער וויצע קריעגס-קאמיסאר, האט אין א רעדע דערקלעהרט, אז אינטריגאנטען זוכען צו פארשפרייטען אינרוה צווישען די רייען פון דער על-דישער רויטער ארמיי, און דאריבער האט זיך עס איצט אנגעהויבען „ביעור חמץ" אויפ'ן גאנצען ברייט און לענג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד.

אין פארבינדונג מיט דעם פראצעס פון די ארעסטירטע אכט אינזשענירען און פראפעסארען וועלכע ווערען אנגעקלאגט אין פלאנעווען צו איבערקעהרען די איצטיגע מאכט, און וועלכער הויבט זיך אן היינטיגען דינסטאג, איז די רוסישע פרעסע פול מיט פארשיידענע סענסאציאנעלע באריכטען וועגען דער אקטיוויטעט פון דער שפיאנען-באנדע אין רוסלאנד.

היינט קומט פאר די ש. דובנאוו פייערונג

אין זאל פון דער בראנזוויק עווענױ תלמוד תורה, ווערט היינט אכט אזייגער אווענט געפייערט ווערען דער זיבעציג יעריגער יובילי פון דעם גרויסען אידישען היסטאריקער, שמעון דובנאוו.

שמעון דובנאוו

די פייערונג איז צוגעגרייט געווארען פון א קאנפערענץ, אין וועלכען עס באטייליגען זיך א רייע אידישע ארגאניזאציעס, און די פראגראם פונ'ם אווענט וועט זיין א פאסיגע פאר דער געלעגענהייט.

א. ריינוויין, רעדאקטאר פון „זשורנאל" און דר. א. קאצענעלבאגען, וועלען רעדען איבער דובנאוו'ן, און באלייכטען די פארשידענע זייטען פון זיין שאפען. און אין דער ליטעראריש-מוזיקאלישער פראגראם וועלען זיך באטייליגען דער כאר פון דער פארבאנד פאלק שול, די קינדער פון דער ארבייטער רינג פרץ שול, דער פידעל-שפילער מ. שערמאן, און דער באקאנטער באריטאן-זינגער אדאלף וויינטרויב.

פארזיצער וועט זיין מ. קרעמער.

רוטענבערג אפגעפארען קיין לאנדאן צו העלפען פארהאנדלונגען

ירושלים נאוו. 22.

דער ועד הלאומי האט נעכטען באשלאסען צו שיקען דעם פארזיצער, פנחס רוטענבערג קיין לאנדאן, צו העלפען אנפיהרען די פארהאנדלונגען מיט דער בריטישער רעגירונג.

דאס איז געטאן געווארען געגען רוטענבערגס אייגענעם ווילען. ווייל ער האט דערקלעהרט אז כל זמן ענגלאנד האט ניט צוריקגעצויגען דעם 'ווייסען פאפיער', גלויבט ער ניט אינ'ם דערפאלג פון די פארהאנדלונגען צווישען דער אגענטור און דער בריטישער רעגירונג.

לאנדאן, נאוו. 22.

לארד מעלטשעט האט אויפגעפאדערט די אידישע וועהלער אין ווהייטשעפעל, וואו ביי-וואהלען דארפען באלד פארקומען, אז זיי זאלען ניט געבען קיין איינציגען וואוט פאר דעם ארבייטער-קאנדידאט, דערפאר וואס די ארבייטער-רעגירונג האט ארויסגעוויזען אויף פיעל אופנים, איהר פיינטשאפט אין דער נאציאנאלער אידישער באוועגונג.

דאס איז א מאמענט, דערקלעהרט לארד מעלטשעט אין זיין מעסעדזש, „פאר אונז צו צייגען דעם וועלט-אידענטום, אז דאס ענגלישע אידענטום שטעהט סאליד געגען יעדער סארט בארויבונג פון זיין רעכט, אדער פון יעדען פארזוך צו אפנארען אונז מיט פאלשע פראזען."

האנ. הענרי אדער האנ. פריים וועלען פארנעמען דאס פלאץ פון פרעמיער פוירגוזאן

אין די לאקאלע פאליטישע קרייזען ווערט איצט ספעקולירט וועגען דעם פאסיגסטען פערזאן וואס וועט איבערנעהמען דעם פרעמיער-אמט פון אנטעריא, אויפ'ן פלאץ פון פרעמיער פוירגוזאן, ווארום עס איז שוין איצט כמעט ווי א זיכערע זאך אז מר. פוירגוזאן וועט זיין דער קומענדער האי-קאמישאנער אין לאנדאן אויפ'ן פלאץ פון האנ. לארקין. דאס איז זיכער טראץ דעם וואס דער פרעמיער גופא האט נאך דערווייל קיין ענטפער ניט געגעבען צום פעדעראלען פרעמיער ר. ב. בענעט וועגען דעם דאזיגען אנבאט. עס ווערט דערווארט אז מר. פוירגוזאן זאל געבען זיין באשטימטען ענטפער ניט שפעטער ווי דעם 2-טען דעצעמבער ביים קאנסערוואטיווען באנקעט אין ראיאל יארק האטעל.

אלס פאסיגסטע קאנדידאטען פאר אנטעריאס פרעמיער-מיניסטער אמט, ווערען איצט דערמאהנט האנ. דזשארדזש ס. הענרי און האנ. פריים. צווישען די דאזיגע צוויי איז דער אויסשטעהענדסטער האנ. הענרי וועלכער איז געווען עקטינג-פרעמיער ווען מר. פוירגוזאן איז געווען אין ענגלאנד די לעצטע וואכען.

עס ווערט פארשטאנען אז מר. פוירגוזאן גופא איז שטארק באגייסטערט פון זיין נייעם „דזשאב" אבער ער וועט פארבלייבען אין קאנאדע אויב דער קאבינעט וועט ניט זיין צופרידען מיט זיין אוועקפאהר פון דאנען. נאך א וויכטיגער אפהאלט אין מר. פוירגוזאנס איבערנעהמונג פונ'ם נייעם אמט איז די געלט פראגע. ער פארלאנגט א העכערען געהאלט, בעת מר. בענעט איז אביסעל שפארעוודיג. יעדענפאלס, גלויבט מען, אז די צדדים וועלען, ווי עס איז דורכקומען וועגען די דאזיגע קלייניגקייטען און אין די נאהענטע טעג וועט מר. פוירגוזאן בייטען זיין וואוינונגס פלאץ אריבערמופענדיג זיך קיין לאנדאן, ענגלאנד, אלס קאנאדע'ס נייער היי קאמישאנער אין ענגלאנד.

אידישע בעקער-אייגענטימער דערקלערן אז זיי פארקויפען אידישע ברויט ביליג

„זשורנאל" עדיטאריעל וועגען די היגע ברויט פרייזען האט ארויסגערופען דעם נויטיגען אינטערעס. — בעקער בעלי בתים גיבען זייער ערקלעהרונג, ווי אזוי ווערט ברויט פארקויפט.

דער עדיטאריעל פרייטאג אין „זשורנאל" וועגען דעם צושטאנד אין ברויט טרייד, האט געהאט די נויטיגע ווירקונג, און געטראפען אין דעם ריכטיגען ציעל, ווייל זייט ניט-אידיש ברויט איז אנאנסירט געווארען צו אכט סענט, האבען פיעלע „זשורנאל" לעזער זיך געווענדעט צו דער רעדאקציע פאר אן ערקלעהרונג וועגען די פרייזען אויף אידיש ברויט. דער „זשורנאל" האט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט די בעקער בעלי בתים און גלייך פרייטאג פריה איז געקומען די ערקלערונג.

די בעלי בתים קאמיטע, ווי דער באקאנטער בעקער מר. סענדעראוויטש, און קלמן סילווערשטיין, דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן, האבען ערקלעהרט, אז אידיש ברויט, ריכטיג יוניאן ברויט, פון יוניאן שעפער, ווערט פארקויפט צו זעקס סענט האלסייל, און צו אכט סענט ריטייל.

דאס מיינט אז פון דער בעקער שאפ ווערט ארויסגעגעבען ברויט צו 6 סענט. די איבעריגע 2 סענט זענען דעם „דרייווערס" פארדינסטען, אזוי אז ברויט ווערט פארקויפט ביליגער ווי ניט אידיש.

זיי האבען אויך ערקלעהרט, אז בלויז דער פרייז פון מעהל איז געפאלען, וועהרענד די אויסגאבען פון באקען, ווי אויך אין באצוג געהאלט אין די יוניאן שעפער, איז דער פרייז געשטיגען.

דער צושטאנד אין בעקער טרייד איז קיינמאל ניט געוועזען אזוי געפאלען ווי איצט, איז זייער ערקלעהרונג, און אז זיי האבען יעדעס מאל פארקויפט ברויט לויט די סטענדערד פרייזען.

זייער ערקלעהרונג איז אויך געוועזען, אז עס איז פאראן א גרויסע קאנקורענץ פון ניט-יוניאן ברויט וואס ווערט פארקויפט פיעל ביליגער, און די לעצטע האבען זיך ניט וואס צו באקלאגען, ווייל דער עולם קויפט ניט קיין יוניאן ברויט. און אזוי ארום איז דער צושטאנד נאך ערגער.

אין שטאדט זענען היינט פאראן בלויז זעקס יוניאן שעפער, וואו אידיש ברויט ווערט געבאקען, און די פרייזען זענען די בעסטע לויט די איצטיגע אומשטענדען.

הערי טעיט, אלדערמאן קאנדידאט אין וואָרד פינף

מר. הערי טעיט, אן אוירעם פון איזראעל קאהן, פרעזידענט פון די „רידזשענט טיילארס", איז א קאנדידאט אין די קומענדע וואהלען אלס אלדערמאן אין וואָרד פינף.

מאנטרעאל גיט קבלת-פנים קאנאדער פליהער

מאנטרעאל, נאוו. 22.

מאנטרעאל האט נעכטען געגעבען א קבלת-פנים די קאנאדער פליהער, קעפטען דזש. עררא׳ל באיד און ליוטענאנט הענדרי פ. קאננאר, וועלכע האבען דערפאלגרייך אריבערגעפליגען דעם אטלאנטיק אין לעווינ'ס עראפלאן „קאלאמביא".

די פליהער ווערען אין גיכען דערווארט אין טאראנטא.

טויזענטער אידישע בעקערס אין ווארשע וועלען בלייבן אהן ברויט

ווארשא נאוו. (איטא).

טויזענט אידישע בעקער-ארבייטער און הונדערטע אידישע בעקעריי-אייגענטימער וועלען בלייבען אהן וועלכע עס איז פרנסה-מעגליכקייטען אלס רעזולטאט פון דעם באשלוס פון דער ווארשאווער מוניציפאליטעט צו אפערירען אויף א באצאהלענדען אופן שטאדטישע בעקערייען. ביז איצט האט די שטאדט דערלייגט אין די בעקערייען אכט מיליאן זלאטיס, מיט א דעפיציט פון מער ווי א מיליאן אין לעצטען יאר.

די שטאדט-טאטעס האבען דאריבער באשלאסען צו פאררענטען די בעקערייען צו א דייטשער קאמפאניע. אבער די נאציאנאל-דעמאקראטען ווילען ניט קיין דייטשען און פאדערען דאריבער אז די פריוואטע בעקערייען זאלען צוגעמאכט ווערען כדי מען זאל מוזען קויפען אין די שטאדטישע בעקערייען. זיי טענה'ן אז די פריוואטע בעקערייען זענען ניט היגיעניש.

אידישע געלערנטע צווישען פראמינענטע וויסענשאפטס לייט אין רוסלאנד צייגט באריכט

מאסקווע, נאוו.

ביי דער געלעגענהייט פון דרייצעהן-יעהריגען יובילעאום פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע האט די „איזוועסטיא" אן איבערבליק איבער די אויפטואונגען פון וויסענשאפטסלייט אין סאוויעטען לאנד.

אין איהר ליסט פון פראמינענטע וויסענשאפטסלייט געפינען זיך די פאלגענדע אידישע פראפעסארען: מאנדעלשטאם און לאנדסבערג, פיזיקער. דארפמאן מאגנעטיקער, און לאנדאו און פרענקעל מאטעמאטיקער.

די צייטונג דערצעהלט אויך וועגען וויכטיגע ענדערונגען וואס זענען געמאכט געווארען אין „סאוונארכאז" (דער סאוויעטישער הויפט-ראטה איבער אינדוסטריע).

פופציג פראצענט פון קאמיסאריאט פרעזידיום וועלען איצט זיין אידען. צווישען די אידישע קאמיסארען זיינען דא קאגאנאוויטש, גינזבורג, זאנגוויל, איזראעלעוויטש און גורעוויטש.

דער זוהן פון קסענאפאנט סיטניק, 52 יעהריגער אינזשעניר וועלכער איז ארעסטירט געווארען אין פארבינדונג מיט פארשווערונגס-קלאגען האט איצט אונטערגעשריבען א פעטיציע פארלאנגענדיג דעם טויט פאר זיין פאטער דערפאר ווייל ער האט פארראטען די רעוואלוציאנערע אינטערעסען.

דער טריעל הויבט זיך אן היינטיגען דינסטאג.

צוליעב מאנגעל אין ארבייטס-הענט אין די קוילען-מינען האט די רוסישע רעגירונג ארויסגעגעבען א פאראָרדנונג אז א סך אנגעשטעלטע אין די שטעדט וועלען ענטזאגט ווערען פון זייערע שטעלעס און וועלען געשיקט ווערען אין די מינען צו ארבייטען.

מאנטרעאלער פרעסע אויפגעבראכט אויפ'ן מעיאר

מאנטרעאל, נאוו. 22.

די היגע „גאזעט" האט נעכטען צונישט געמאכט מעיאר הוד'ס פארזוך צו פארענטפערען זיין רעדע אין קוויבעק, וואו ער האט געלאזט פאלען אן אנטיסעמיטישע באמערקונג אויפ'ן חשבון פון די אידען.

אין זיין סטייטמענט וויל מעיאר הוד שאפען דעם איינדרוק, אז זיינע ווערטער זענען שלעכט אויסגעטייטשט געווארען, אבער די דערמאנטע ענגלישע פריהמארגען צייטונג זאגט, אז דער אריגינעלער באריכט איז ריכטיג איבערגעגעבען געווארען, און אז דער מעיאר האט אויף דעם אויסרוף „צום טייפעל מיט די אידען" געענטפערט, אז „די אידען האבען איצט א ניי לאנד, און אויב זיי ווילען באפרידיגען אייער פארלאנג קענען זיי געהן קיין פאלעסטינע".

אנדערע היגע צייטונגען אטאקירען אויך דעם מעיאר.

באן פאלט אריין אין טייך אין פראנקרייך און פאסאזשירען אומגעקומען

נאנטים פראנקרייך, נאוו. 22.

ווען דער לאקאמאטיוו און די ערשטע צוויי קארס פון דעם פאריז-סט. נעזעיר עקספרעס זענען אריינגעפאלען אין דעם לאיר טייך, זענען אומגעקומען דער פייערמאן, אינזשעניר און א צאהל פאסאזשירען.

דער אומגליק האט פאסירט פלוצלינג.

ריזיגע אידישע טעקסטיל פאבריק געעפענט אין וויטעבסק

מאסקווע, נאוו. 22, (איטא).

א ריזיגע אידישע טעקסטיל פאבריק וועלכע וועט באשעפטיגען 4,000 אידישע ארבייטער, איז היינט דערעפענט געווארען. די פאבריק איז געבויט לויט דער לעצטער טעכניק, מיט היימען פאר ארבייטער, קינדערגארטען קלובען, האספיטעלער און אנדערע מאדערנע איינריכטונגען.

וועט געבען ארבייטסלאזען פרייע קעסט

מר. דזש. ס. גאלדענבערג, אייגענטימער פונ'ם רעסטאראן אין 275 ספעדיינא עוועניו, האט דערקלעהרט פאר א פארטרעטער פון „זשורנאל", אז ער איז גרייט צו געבען א אידישען ארבייטסלאזען פרייע מאלצייטען אין זיין רעסטאראן, ביז וואנען די צייטען וועלען ווערען בעסער, און עס וועט ווערען מער ארבייט.

דער יעניגער אידישער ארבייטסלאזער וועלכער וויל זיך באנוצען מיט דעם, זאל זיך ווענדען אין רעדאקציע פון „זשורנאל" וועט ער באקומען דעם מאלצייט טיקעט.

וועלען היינט דערוועלען דעלעגאטען

היינט עלף אזייגער וועט פארקומען א ספעציעלע קאנפערענץ-זיצונג פונ'ם געווערקשאפטען קאמפיין, ביי וועלכער עס וועט אפגעגעבען ווערען דער פינאנציעלער באריכט פאר'ן לעצטען יאר, און עס וועלען אויך אויסגעקליבען ווערען דעלעגאטען צו דער נאציאנאלער קאנווענשאן פון געווערקשאפטען קאמפיין, וואס קומט פאר סוף וואך אין ניו יארק.

די פארזאמלונג וועט זיין אין פארבאנד אינסטיטוט.

אידישע טאבאק פירמע באגנב'עט

דריי גנבים וואס האבען זיך אריינגעבראכען אין דער טאבאק-ווערהויז פון ד. מאסקאוויטש, אויף 222 סימקא סטריט האבען צוגענומען מיט זיך ארום פערציג טויזענט סיגארעטען און עלף הונדערט סיגארס וועלכעס האט די ווערט צווישען דריי און פיער הונדערט דאלאר.

כדי צו קענען דורכפיהרען בעסער זייער „דזשאב" האבען זיי געבונדעם דעם וועכטער, און איהם פארארדענט צו שווייגען.

אידישע פרוי שווער פארוואונדעט

מרס. דזש. קריקאווסקי, 66 יאר אלט, פון 318 קלינטאן סטריט, איז קריטיש פארוואונדעט געווארען ווען זי איז אומגעווארפען געווארען פון אן אויטאמאביל אויף הארבארד סטריט, לעבען איהר היים.

פאליציי האט נאך ביז איצט ניט געכאפט דעם דרייווער.

מעקדאנאלד אנטזאגט דאמיניאן סטאטוס פאר אינדיע; כאט אז א פעדעראלע רעגירונג פארמע

פרעמיערס אנבאט איז אן איבערראשונג פאר די אינדישע דעלעגאציעס. — מעקדאנאלד זאגט אז אינדיע איז נאך ניט בכוח אליין צו שאפען א קאסטיטוציע וועלכע זאל זיין גלייכגעוויכטיג צופרידענשטעלענד פאר אלע אינדישע נאציאנאליסטען. — קאנפערענץ אויפגעלייזט אויף אומבאשטימטער צייט.

לאנדאן, נאוו. 22.

אן אנבאט פון א פעדעראלער רעגירונג'ס פארמע פאר אינדיע אבער קיין שום אנמערקונג אפילו, אז ענגלאנד איז גרייט צו נאכגעבען דעם פארלאנג פון די אינדישע פארטרעטער, פאר א דאמיניאן סטאטוס פאר אינדיע, איז דער הויפט תמצית פון דער לאנג דערווארטעטער רעדע וואס עס איז נעכטען געהאלטען געווארען ביי דער אינדישער „ראונדער-טיש" קאנפערענץ, פון פרעמיער מעקדאנאלד.

פארענדיגענדיג די צווייטע פלענארע סעסיע פון דער קאנפערענץ האט מר. מעקדאנאלד געזאגט אין זיין רעדע אז די אינדיער זענען דערווייל נאך ניט אין א לאגע צו שאפען באלד א גלייכגעוויכטיגע אדער פערמאנענטע קאנסטיטוציע אבער דאס מוז ענטוויקעלט ווערען אין פארלויף פון א לענגערער צייט.

ער האט געגעבען אנצוהערען אז א דאמיניאן סטאטוס איז נאך ניט מעגליך, זאגענדיג צו זיי אנדערעס ווי פאלגט: „איהר זענט נאך ניט אין א פאזיציע צו שאפען א גלייכגעוויכטיגע קאנסטיטוציע וועלכע אייערע אייניקלאך זאלען פארהייליגען ווי עס וואלט געווען פאר זיי איינע פון אייערע הייליגסטע ירושות. דעריבער מוז די קאנסטיטוציע אויסגעארבייט ווערען. די קאנסטיטוציע מוז זיך ענטוויקלען אין פארלויף פון א משך פון יארען".

טראץ דעם וואס מר. מעקדאנאלד האט גערעדט וועגען א פעדעראטיווער אינדיע האט ער זיך אבער אויסגעהיט צו באנוצען זיך מיט'ן אויסדרוק „דאמיניאן סטאטוס". נאך מעקדאנאלדס רעדע איז די קאנפערענץ אפגעלייגט געווארען אויף אן אומבאשטימטער צייט.

די קומענדע פלענארע סעסיע וועט זיין הויפטזעכליך אפהענגיג אויף ווי ווייט עס וועט געלינגען דער „פעדעראל רילייישאנס קאמיטע", וועלכע איז פארמירט געווארען כדי צו אויסארבייטען אלע נויטיגע איינצעלהייטען וועגען דער צוקונפטיגער קאנסטיטוציע פאר אינדיע.

דעם פרעמיערס רעדע איז פון דער אינדישער דעלעגאציע אויפגענומען געווארען מיט א היבשער מאס איבערראשונג, ווארום זיי האבען דערווארטעט — אדער א דאמיניאן סטאטוס אדער א צוזאמענברוך פון דער קאנפערענץ. איצט אבער, מיט'ן פרעמיערס נייעם פארשלאג, ווייסען זיי ניט וואס פאר א שטעלונג זיי זאלען נעהמען.

דער פרעמיער האט אויסגעדריקט זיין אנערקענונג פאר דעם וואקסענדען פרייהייטס-גייסט אין אינדיע און ער האט דערקלעהרט אז ער שעצט עס אפ ווייל ער איז אליין א רעוואלוציאנער. ער ווייסט, האט ער געזאגט, אז די דעלעגאטען וועלען באגעגענט ווערען מיט שווארצע פאהנען ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען קיין אינדיע, ברענגענדיג מיט זיך ניט קיין פולשטענדיגע פרייהייט. אבער „די רעוואלוציאנערע געשיכטע האט אונז געלערנט", האט ער דערקלעהרט, אז מיט דעם גייסט פון קאמף פאר פרייהייט, וועלען ביסלעכווייז אלע אידעאלען דערגרייכט ווערען.

נאכ'ן פרעמיער האט גערעדט אגא קהאן, דער טשערמאן פון דער בריטיש-אינדישער דעלעגאציע. ער האט ווידערהאלט די פארערונג פון אלע פריהערדיגע אינדישע רעדנער, אז ענגלאנד זאל געבען אינדיע די געלעגענהייט פון זעלבסט-רעגירונג, און ער האט פארזיכערט אז ענגלאנד גופא וועט פון דעם אויך געניסען מעהרער ווי-זי גענייסט היינט צו טאג.

עס זענען אויך געווען אנדערע אינדישע רעדנער.

טוביה נעזנער ע"ה

איז געשטארבען פרייטאג נאכט. די לויה וועט זיין

היינט (זונטאג) 11.45 פריה

פון בענדזשאמינס אנדערטייקינג פארלאר 508 ספעדיינע עוו.

אלע מיטגלידער פון ברענטש 220 ארבייטער רינג., און אדעסער לאנדסלייט ווערען גערופען צו דער לויה אין צייט.

האט הנאה פון מוזיק דורך א פעדא



דער אילוטרירטער מאדעל איז מאדעל 44. פרייז $301.50
אנדערע מאדעלס
פון $231.50 ביז $425

עס האט א "טומעל לייטערער"

דער טומעל לייטערער איז בלויז איינע פון פעדאס פיעלע גרויסע פיטשורס — עס איז אויך פאראן א פלעשאגראף — אויטאמאטישער וואליום קאנטראל,— פריסלעקטאר טונינג, פראכטפולער קאבינעט. מיר גלויבען אז עס איז דער פיינסטער סעט אויפ'ן מארקעט. מיר זענען זיכער דאס מיר קענען אייך פולשטענדיג צופרידענשטעלען.

טוירמס 10% קעש.
באלאנס אין 10 מאנאטען

Ye Olde Firme

Heintzman & Co.

195 Yonge Street

אפען אוונטען
טעלעפאן עלגין 6201.

האדסאן סיעל קאוטס

געמאכט צו ארדער

150 דאלאר און העכער

אלע סארטען פון פאר קאוטס ריפיירד, רעמאדעלירט צו מעסיגע פרייזען.

קענעדיען פאר קאמפאני

260 ספעדיינע עוו. טעל. טריניטי 2089

אונזער ארבייט איז גאראנטירט

מארטגיידזשעס אויף 6 פראצענט

דייוו שער

מארטגיידזשעס געקויפט און געליהען
מיר גיבען עצות פריי.

301 סענטראל בילדינג
45 ריטשמאנד סט. וועסט
טעלעפאן
עלגין 7600.

„אידזשעקס" פוירנייסעס

ווערען רעקאמענדירט אלס די בעסטע צו באהייצען א 6 אדער 8 רומיגע הויז. די דאזיגע שטארקע פוירנייסעס איבערשטייגען אלע אנדערע. און זענען פול גאראנטירט צו באהייצען דאס הויז פאר 15 יאר צייט. איינגעשטעלט צו זעהר א מעסיגען פרייז אום צו אדווערטייזען די פוירנייסעס. טעלעפאנירט אונזער אגענט, וועלכער וועט אייך געבען אלע אינפארמאציעס וועגען דעם "אידזשעקס" פוירניים.

מ. גאלדבערג, 170 ליפינקאט סט.

טריניטי j 4487 אדער קינגסדייל 8284.

מיר פארריכטען אלע סארטען פוירנייסעס.

JOLOVSKY & JOLOVSKY

אסאונטענטס און אדיטארס

טעמפעל בילדינג, רום 602. אפיס טעלעפאן עדלייד 2766.
ריטשמאנד און בעי. רעזידענץ טריניטי W 7048.

בוכקיפינג סערוויס

מאנאטליכע און ספעשעל אדיטס. אינוועסטיגיישאנס.

צו אלע אידישע פרויען

גיט ניט אוועק אייערע טעג אויף וואש ארבייט, לאזט אונז עס טאן פאר אייך, אין דער גרעסטער, מאדערנער ספעציעל צוגעפאסטער

סאניטארי לאנדרי

אונזער נייער אויסגעשטאטעטער פלענט האט א ספעציעלע מאשין פון ווייכע וואסער, וועלכע מאכען אייער וועש שעהן, פריש און אהן „רעמעדזשעס". גיט אונז א טרייעל און באקענט זיך מיט אונזער סערוויס

וועט וואש 24 שטונדען סערוויס, — פלעט וואש 48 שטונדען סערוויס

בלויז פלעט וואש 6 סענט א פונט. פאמיליע באנדלס 7 סענט א פונט. וועט וואש 5 סענט א פונט. ספעשעל פאר דאנערשטאג און פרייטאג, וועט וואש 4 סענט א פונט.

סאניטארי לאנדרי קאמפאני,
7־9 בולווער סטריט

עלגין 8541

BIG
Auction Sale

IN DETAIL
TO THE TRADE
at

196 Queen St. East

TOYS, DOLLS, NOVELTIES, STATIONERY,
GROCERIES, MEN'S FURNISHINGS
on

Thursday, November 27th

at
10 O'CLOCK A.M. SHARP

Men's Furnishings

Consisting of: Boots, Shoes and Rubbers, Work Shirts, Underwear, fine Shirts, Caps and Hats, Half-Hose, Overalls, Pants.

F. DONNELLY

AUCTIONEER

גרויסע בארגיינס

45 הונדערט ליפינקאט סטריט, 7 רומס, אלע קאנוויניענס.

6 טויזענט דאלאר, סטאר מיט 5 רומס, אידישען געגענד. קליינע קעש.

65 הונדערט דאלאר קארנער סטאר 8 רומס, קריסטליכער געגענד, מעסיגע קעש.

5 טויזענט דאלאר פאלמערסטאן, 8 רומס, צוויי פלארס, גאראדזש.

ליידיגע לאט 283 ביי 263. מוז פארקויפט ווערען, גוט פאר ווערהויז, פאר יעדער אינדוסטרי.

פרעגען מר. נוסבוים, טריניטי 2916.
.1918

ראקסטאן ראוד ספעשעל

הויז מיט 5 גאראדזשעס. 65 הונדערט דיטעטשט הויז, מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס. 8 רומס אויף צוויי פלארס, טיילד סינק, סטים היטינג, הארדוואוד פלארס, סייד דרייוו, סטאקאו וועגט, א געלעגענהייט פאר איינעם וואס וויל א שעהנע היים. גרויסער יארד, יעצט ליידיג.

פרעגען מאראניק טריניטי 8115.
1915

סטאר שנעלען בארגיין

82 הונדערט דאלאר, סטאר מיט דריי אפארטמענטס, סטים היט, ראנדעס סט. ביי דאפערן סטריט. די רענט איינגאהמע איז 127 דאלאר א מאנאט. אין בעסטען ביזנעס געגענד. מוז פארקויפט ווערען. גוטער אינוועסטמענט.

פרעגען מאראניק טריניטי 8115.
1916

גרויסער בארגיין

53 הונדערט יוקליד, אריבער קאלעדזש סאליד בריק, 8 רומס, אלע קאנוויניענס

65 הונדערט דאלאר נייע מאדערנע הויז, 7 רומס און ברעקפעסט רום, סענטער פראפערטי.

אויסבייטען א סטאר אויף סענט קלעיר, פאר א הויז צענטראל, גוטען לאקיישאן.

ווילט איהר קויפען אדער בייטען. טעלעפאנירט מר. סעמועלס, טריניטי 3480 (71

אויפמערקזאם צו די אידען

ווי אייך איז בעקאנט איז אין טאראנט שווער צו קריגען אינשורענס אויף פארניטשור פאר א אידען. איך מאך דערום באקאנט, דאס איך נעהם אן יעדע אידישע אינשורענס מיט די בעסטע קאמפאניעס. ווי אויך האב איך הייזער און סטארס צו פארקויפען צו די ביליגסטע פרייזען.

רופט מיך אפ ביים טעלעפאן, מר. שפיגעל קינגסדייל 8946 אדער ווענדעט זיך אין 40 בראנזוויק עוועניו.
1877

גרויסע פרעמיע

אין צוזאמענהאנג מיט דעם גרויסען דובנאוו יום טוב, וועלכער וועט פארקומען דעם 23־טען נאוועמבער אין אונזער שטאדט. גיב איך די לייענער פון דער אידישער ליטעראטור, א זעהר ווערטפולע און וויכטיגע פרעמיע די גאנצע געשיכטע פון אידישען פאלק געשריבען פון גרויסען מייסטער

שמעון דובנאוו

אין 4 גרויסע בענדער, — קנאפע צוויי טויזענט זייטען אין א דע לוקס איינבונד נאר פאר 7 דאלאר

אין יעדער אידיש הויז דארף זיך געפינען די געשיכטע פון אידישען פאלק. בפרט ווען פאר אזא קליינע סומע קאנט איהר זיך היינט פארשאפען אזא ווערטפולען אוצר.

טוט נאר א קלונג טריניטי 8479 וועט מען אייך באזוכען און באזארגען די ביכער.

נרשון פאמעראנץ
358 MARKHAM ST. APT .3

צו פאררענטן

צו פאררענטן 9 רומיגע הויז, אלע קאנוויניענס אויף יוראן נעבען ראנדעס. פרעגען מידוויי 3107.
1898

צו פאררענטן א פארנישד רום דאנסטעירז. פרעגען 31 אקספארד סטריט
1894

צו פאררענטן 2 רומס מיט אלע קאנוויניענס, פרעגען 168 בארדען סטריט טריניטי W 2195.
1891

צו פאררענטן א שעהנע גרויסע פארנישד רום פאסיג פאר 1 אדער צוויי דזשענטעלמען. פרעגען טריניטי W 4838
1890-11-28

צו פאררענטן צוויי רומס פאר א יונגע קאפעל. פרעגען 270 מיידזשאר סט.
1892-11-24

צו פאררענטן א שעהנע פארנישד רום מיט קאנוויניענס. פרעגען 114 יוראן סטריט.
1911

צו פאררענטן א דופלעקס פון 6 רומס מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס, דאונסטעירז. מיט א גאראדזש. פרעגען 395 מענינג עוועניו.
74-11-28

צו פאררענטן 8 רומיגע הויז אלע מאדערנע קאנוויניענס 113 נעסאו סטריט פרעגען טריניטי 3209.
1926-11-24

צו פאררענטן 2 רומס מיט אלע קאנוויניענס, מעסיגע רענט, 105 בראנזוויק, פאסיג פאר א קאפעל. פרעגען קינגסדייל 7771.
1872

צו פאררענטן צוויי שעהנע רומס הארדוואוד פלארס, סטים היט, 283 מארקהאם סטריט.
1925

צו פאררענטן 4, 5 און 6 רומיגע אפארטמענטס, ניי געבילטע. אלע קאנוויניענס, 41 סיסעל סטריט. פרעגען אין 26 באלדווין סטריט.
1905

צו פאררענטן א שעהנע נייע פארנישד רום, פאסיג פאר 1 אדער צוויי, פרעגען 93 ווילקאקס סטריט, קינגסדייל 9912
1909

צו פאררענטן א פלעט פון 4 רומס, אלע קאנוויניענס, פרעגען 387 מארקהאם סטריט.
1910-11-24

צו פאררענטן 4 רומיגען אפארטמענט אלע קאנוויניענס, פרעגען 574½ קאלעדזש סטריט.
1902

צו פאררענטן א גרויסע פראנט בעדרום, קען נוצען די קיטשען. סטים היט פאסיג פאר א קאפעל. מעסיגע רענט איי. 716 קאלעדזש סטריט, נעבען קראפארד.
1903

צו פאררענטן דריי אדער 4 רומס סינק אין קיטשען, אלע מאדערנע קאנוויניענס, צענטראל, 30 דיארסי סטריט, טריניטי 4908.
1900

צו פאררענטן דריי רומס אלע קאנוויניענס, פרעגען 46 נעסאו סטריט, יעצט ליידיג.
1895

צו פאררענטן א דאנסטעירז פון 3 רומס מיט א זומער קיטשען און צוויי רומס אפסטעירז, באהייצט. פיקטשורס און בליינדס, 35 דאלאר א מאנאט. 284 ראבערט סטריט, קינגסדייל 4639.
.1897

צו פאררענטן א פלעט פון דריי אדער 4 רומס מיט א גאראדזש. ניי דעקארירט, הארדוואוד פלארס. גרויסע קיטשען מיט א סינק, טעלעפאן פרעגען 62 סאסעקס סטריט, קינגסדייל 8919.
1899

צו פאררענטן א האלבע סטאר מיט רומס אויב נויטיג, פאסיג פאר מילינערי, האזשערי אדער לאנזשערי. פרעגען 673 סט. קלעיר עוועניו וועסט.

טעלעפאן הילקרעסט F 2765.
1904

צו פאררענטן א דריי רומיגען פלעט ניי דעקארירט. פיקטשורס, בליינדס, סינק אין קיטשען, יעצט ליידיג, ביי א קליינע פאמיליע, 209 בראנזוויק עוועניו, טעלעפאן צו נוצען. קינגסדייל 8337.
,1914

קארפענטערי

עסטימייטס פריי אויף דזשענעראל קאנטראקטינג און פארשידענע קארפענטער ארבייט.

אויך מאכען מיר הארדוואוד פלארס, פרענטש טירהען, אפיס און פעקטארי ארבייט צו ביליגע פרייזען. טעלעפאנירט אפ און איבערצייגט אייך.

מאדערען בילדערס קאמפאניע
טעלעפאן טריניטי 9025.
7 ראס סטריט

צו פאררענטן

צו פאררענטן א פלעט פון דריי אדער 4 רומס, סינק אין קיטשען, ניי דעקארירט, בליינדס, הארדוואוד פלארס 70 סאסעקס סטריט. טעלעפאן קינגסדייל 4962.
1888

צו פאררענטן א האל פאר פארזאמלונגען צו ארגאניזאציעס, אוקזילערים, אויך פאר אקציעס, פרעגען טריניטי 7777
65-11-25

צו פאררענטן 6 רומיגע בריק הויז אלע קאנוויניענס, קלערמאנט סטריט 25 דאלאר צו א גוטען טענענט. פרעגען 657 קווין וועסט, עדלייד 7773.
1863-11-23

צו פאררענטן א פלעט פון דריי רומס אלע קאנוויניענס רענט 25 דאלאר. פרעגען 273 גרייס סטריט.
1868-11-23

צו פאררענטן א האלבע סטאר מיט רומס אויב נויטיג אין 360 קאלעדזש סט. פרעגען קינגסדייל 7632.
1873-11-24

צו פאררענטן א פלעט פון דריי רומס, מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, פיקטשורס, מיט אדער אהן א גאראדזש, פאסיג פאר א קאפעל, אדער ערוואקסענע יעצט ליידיג. פרעגען 10 ביטרים סטריט.
1871-11-23

צו פאררענטן 1 אדער 2 פארנישד רומס דאנסטעירז, אפ־טו־דייט איינגעפיקסט, ביי א קליינע פאמיליע. פאסיג א ביזנעסמאן אדער צוויי, 248 מיידזשאר סטריט.
1878-11-23

צו פאררענטן צוויי אדער דריי שעהנע רומס, סינק אין קיטשען, הארדוואוד פלארס, גאראדזש אויב נויטיג. יעצט ליידיג. פרעגען 114 ביטרים סטריט, טריניטי 7406.
1883-11-23

צו פאררענטן צוויי רומס מיט אלע קאנוויניענס. פרעגען 6 גרייס סטריט.
1881-11-23

צו פאררענטן 8 רומיגע הויז. אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט יעצט ליידיג. 194 ליפינקאט סטריט, פרעגען 164 ראבערט סטריט, קינגסדייל 8180.
1876-11-23

צו פאררענטן א שעהנע פארנישד רום, מיט סטימהיט, אין 18 סט. ענס ראוד, נעבען קאלעדזש און דאווערקאורט טעל. לאמבארד 4415.
1866

צו פאררענטן א הויז פון 8 רומס סטים היט, ביליג רענט, פרעגען 268 פאלמערסטאן עוועניו.
.1893

צו פאררענטן א שעהנע פארנישד רום אין אן אפארטמענט הויז, בעווערלי סטריט, אנטקעגען פארק, אלע מאדערנע קאנוויניענס, הייסע וואסער ביי 2 מענשען א ביזנעס מאן פארגעציגען. פרעגען 80 בעווערלי סטריט אפט.

טעלעפאן טריניטי W 9381.
73-11-24

צו פאררענטן א שעהנע פארנישד רום דאנסטעירז הארדוואוד פלאר. פאסיג פאר 1 אדער 2 אדער א קאפעל. פרעגען 163 יוראן סטריט. טריניטי 3996
72-11-24

צו פאררענטן א שעהנע פארנישד רום מיט אלע קאנוויניענס, אויך א טעלעפאן צו נוצען. פרעגען 22 ראסעל סטריט.
1922

צו פאררענטן 2 אדער הריי רומס, הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען. טעלעפאן טריניטי W 4168.
1907

צו פאררענטן 9 רומיגע הויז הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס. דער פלעט איז פאררענט. 20 דיארסי סטריט.
1906

צו פאררענטן 3 רומס מיט סינק אין קיטשען ביליג רענט. פרייען טעלעפאן. פרעגען 144 קלינטאן סטריט.
1921

צו פאררענטן 6 רומיגע הויז .ניי דעקארירט, אלע קאנוויניענס, 159 באלדווין סטריט. פרעגען ס. הימעל 195 דאנדעס סטריט, וועסט.
1923

צו פאררענטן א פראכטפולען פלעט פון 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס 1436 בלור סטריט וועסט. מעסיגע רענט.
1924-11-24

צו פאררענטן א פלעט פון דריי רומס, ניי דעקארירט, סינק אין קיטשען, אלע קאנוויניענס, יעצט ליידיג. פרעגען 185 מיידזשאר סטריט.
1919

צו פאררענטן 5 רומיגען אפארטמענט. יעצט ליידיג, אלע קאנוויניענס. אלעקסאנדער פארק אפארטמענט, גרענדזש און רייערסאן עוו. פרעגען ביים דזשעניטאר.
1917-11-26

צו פאררענטן א פלעט פון דריי רומס, אלע מאדערנע קאנוויניענס, בעק ווארענדא. סטעפ צו א יארד. פיקטשורס עקסטענשאן טעלעפאן סינק און קאבבארדס 66 בעלוויו עוועניו, טריניטי W 5312
188511-24

צו פארקויפען

צו פארקויפען קינדערשע קאוטס, פון 5 ביז 16 יאהר. זעהר ביליג יעדען קאליר. 591 דאנדעס סטריט וועסט.
1680-11-29

צו פארקויפען העפי טאט סטאר, גוט ווי ניי. פרעגען 174 באלדווין סטריט.
1849-11-20

צו פארקויפען אן ערשט קלאס גראסערי און קרימערי סטאר אורזאכע קראנקהייט. פרעגען מר. מילסטאן 287 ספעדיינע עוועניו. טריניטי 3360.
1869-11-23

אן איסטאבלישד ליידיס רעדי טו וועהר ביזנעס צו פארקויפען, אורזאכע פארלאזט טאראנטא. פרעגען 1116 בלור סטריט וועסט.
1874-11-23

35 הונדערט מיידזשאר סטריט, בריק פראנט הויז, 7 רומס.

48 הונדערט ראקסטאן ראוד נעבען הארבארד, סאליד בריק הויז 8 רומס.

סאליד בריק סטאר מיט 7 רומס און א גרויסע שאפ אין די בעק, קאלעדזש סטריט, צווישען בראנזוויק און בארדען נארט זייט.

פרעגען מאסקאוויטש 505 פאלמערסטאן בולעווארד. טריניטי 6062.
1920

צו פארקויפען א גראסערי און קרימערי ביזנעס גוטער געגענד. פאר אינפארמאציע טעלעפאנירט קינגסדייל 4615.
1912

צו פארקויפען פוך, פרעגען 45 גרייס סטריט, טריניטי F 2265.
1886

צו פארקויפען גוטען העפי טאט סטאר, זעהר ביליג. פרעגען 99 ראבערט סטריט
1901

באקאנטמאכונג

צו אלע טאראנטאר אידען!
איך פארקויף טרימינגס און וואולענס
ספעציעלע פרייזען פאר שניידער.

מעקס עטין

382 ספעדיינא עוועניו.
1927-12-23

ריזיקירט ניט אייער לעבען

פיעלע טויטענפאלען האבען שוין פאסירט, ווייל אייערע "טשימנים" זענען ניט געוועזען אין ארדנונג. נעמט ניט קיין "טשענסעס" פיקסט זיי גלייך איצט.

מיר מאכען א קאמפליט עקזאמינאציאן בלויז פאר 1 דאלאר.

טעלעפאנירט טריניטי M 9249.
ליפא גרין.

אקאונטענט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענס וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו.
הילקרעסט W 7504

אויפמערקזאם

צו פריוואטע פערזאנען, ווי אויך צו שוהלען, סאסייטיס און פאראיינען, אז

מר. מיללער

נעהמט אן קייטערינגס צו פארטיס, חתונות, באנקעטען, צו די ביליגסטע פרייזען, מיט די בעסטע סערוויס. קען באווייזען די בעסטע רעפערענס פון פיעלע סאסייטיס און פערזאנען.

מיין אדרעס איז

694 מענינג עוו.

טעלעפאן טריניטי 5053



די נארדנער סואינג מאשין קא.

מיר האבען צו פארקויפען עטליכע העמסטיטשינג מאשינען און לואיס פעלינג מאשינען פאר קלאוקס אדער מענער ארבייט.

עקספערט מעכאניקער זענען שטענדיג צו אייער דיענסט.

173 ספאדיינע עוו

טעלעפאן עדעלייד 0360.

פארלאנגט

א יונגע נוירס פארלאנגט א פאזישאן אין א דאקטארס אדער דענטיסטס אפיס ווי אויך פריוואטע נוירסינג. טעלעפאן טריניטי 9584.

***

א יונגע ליידי גענענדיגט העברייאישע היי סקול מיט דיפלאמא, שפיעלט גוט פיאנא, קען פערפעקט העברייאיש, דייטש רוסיש און ליטוויש, קען אונטערריכטען אין ענגליש זוכט לעסאנס אדער אנדערע פאסענדע באשעפטיגונג. אויסקינפטע ביי הר"הג יעקב גארדאן 116 בעווערלי סטריט טעלעפאן טריניטי j 7989.
1735-11-24

א שוחט גסות ודקות מומחה, און א שעהנער בעל תפלה ובעל קורא ומלמד להועיל, איז וויליג אנצונעהמען א שטעלע אין שטאדט אדער אין קאנטרי. פרעגען 117½ עליזאבעט סטריט, מר. ה. גרינבערג.
6080-11-28

א מאן מיט אן אויטאמאביל פאהרט נאך מיאמי, פלארידא, און האט פלאץ פאר פאראזשירען. טריניטי 2191.
185711-23

אויפמערקזאם!

ווער עס האט דורך א טעות גענומען א שטעקען אין מיקאל שול איז געבעטען איהם צו ברענגען אין "זשורנאל" אפיס פאר באלוינונג.

***

פארלאנגט א יונגען מאן אלס אן אסיסטענט דעזיינער צו ליידיס קלאוקס און סוטס. פרעגען עמפייער גארמענט 355 עדלייד סטריט וועסט
70-11-23

פארלאנגט עקספיריענסד פינישערס צו ליידיס סילקענע דרעסעס. פרעגען לייאן דרעס 116 ספעדיינא עוועניו.
69-11-23

צוויי דייטשע מענער זוכען צו טאן אלערליי הויז ארבייט. קענען אויך הייצען פארניסעס. פרעגען 22 פחיבי סטריט.
18701-23

פארלארען דאנערשטאג פריה א ליידיס שווארצע קיד גלאוו סייז 7 אויף ספעדיינא געהענדיג צו הארבארד סטריט. עהרליכער געפינער.

טעלעפאנירט טריניטי W 2021 מרס. סעקס.
1875-11-23

פארלאנגט אגענטען פאר א גוטע פירמע גוטע קאמישענס. פרעגען 697 באטהורסט סטריט.
1889-11-26

פארלאנגט דריי טויזענט דאלאר פאר א מארגיידזש פאר 7 פראצענט. שרייבט זשורנאל באקס 103.
1896

פארלאנגט דזשאבס, פארשטאפטע דריינס אויסגערייניגט און פארריכט, עקספוויטינג בריק, און סעמענט ארבייט. ביליגסטע פרייזען.

וויינבערג עקספערט דריינער, טעלעפאנירט עדלייד 8260.
1794

פארלוירען דאנערשטאג אוונט צווישען 5 און 6 אזייגער א קליין פארסעל מיט א פאטאגראף און מיט א פאספארט. דער עהרליכער געפינער איז געבעטען איבערצוגעבען צו מיס גיטעל האפמאן 50 בעלוויו פליים, באלוינונג.
1887

לעסאנס אין ענגליש

א סטודענטין פון אוניווערזיטעט גיט לעקציעס אין ענגליש — פאר אנפאנגער ווי פאר אדוואנסד שילער — מעסיגע פרייזען —

טעלעפאנירט:
דזשאנקשאן 2018
שולמית רייגוויין

חפץ איז צוריק פון יוראפ!

נאך א לענגערען באזוך אין גאנץ יוראפ, איז חפץ יעצט צוריק אין זיין אפיס. פאר אלע לעצטע אינפארמאציע זאכען, געלט זענדונג, און איבערהויפט א פריינטליכע עצה, קומט צו חפצ'ן.

DOMINION TICKET OFFICE

(עדלייד 5971)
143 קווין סט. וועסט
ווענדעט זיך צו חפצ'ן נאך ראט און טאט.

:: דעם ::
גענגסטער'ס געליבטע

ראָמאַן פון קאַנאַדער לעבען

בעאַרבייט פאַר'ן "זשורנאַל" פון יב"ם.

(פאָרזעצונג)

— פאַר וואָס איך בין געקומען אזוי פריה, וועל איך דיר באַלד ערקלעהרען. נעכטען אין אָוונט ווען מיר זענען אלע געווען אין האָטעל און דו האָסט געטאַנצט מיט פעליציאַן, ביסטו באַלד נאָך דעם טאַנץ אוועקגעגאַנגען, ניט געזעגענענדיג זיך אפילו מיט מיר, דערפאַר בין איך היינט אזוי שלעכט געשטימט. דערפאַר בין איך היינט אומעטיג און טרויעריג.

— איך האָב ניט געקענט נעכטען לענגער פאַרבלייבען מיט דיר. איך האָב זיך געמוזט מיט וועמען טרעפען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין.

ער האָט זיך באמת געהאַט אפּגע־שמועסט מיט פּאַני'ן, וועלכע האָט אויף איהם געוואַרט אין האָטעל.

— פאַרוואָס זאָגסטו ליגען? — האָט זי איהם אויפמערקזאַם געמאַכט.

— איך נאַר נישט — האָט פרענקי געזאָגט.

— דו זאָגסט ליגען, אה דאָס איז א ליגען! — האָט זי איבערגעזאָגט. נעכטען אין אָוונט, די גאַנצע צייט, ווען דו האָסט פעליציען געהאַלטען אין די אָרעמס, האָסטו איהר כסדר געוואָרפען קאָמפּלימענטען, און דו ביסט ארויסגעגאַנגען פון לאָקאַל דערפאַר, כדי דו זאָלסט נישט זעהן ווי זי טאַנצט מיט אנדערע. דו ליעבסט פעליציע'ן

ער האָט גערעכענט, אז עס וועט אויסברעכען א סקאַנדאַל, צוליעב אזא בעשולדיגונג, אין דער אמת'ן איז ער אָבער געווען שטאָלץ דערפון. ער איז ניט געווען ווי געהעריג צוגעגרייט זיך צו פאַרטיידיגען. דעריבער האָט ער בעשלאָסען גאָרנישט צו ענטפערען, איבערלאָזענדיג צייט זיך איבערצוליגען די גאַנצע זאַך.

— דו ליעבסט פעליציא'ן — האָט ווייטער געזאָגט פרוי ליכטענשטיין. — אויב דו האָסט עס איהר בפירוש ניט געזאָגט מיט ווערטער, האָסטו עס יעדענפאַלס איהר געגעבען צו פאַרשטעהן. דו רעכענסט צו מאַכען פון מיין טאָכטער דיין געליעבטע! אָך, איך ווייס גאַנץ גוט, אז דו ביסט פעהיג צו אלעס, אויב עס האַנדלט נאָר וועגען איינשטילען דיין תאוה. איך קאָן גאָרנישט פאַרגעסען, ווי אזוי איך בין געוואָרען דיין געליעבטע...

— דיין פאָרוואורף, — האָט ער איבערגעריסען — איז דוכט זיך זעהר א פאַרשפּעטיגטער. ווייל כאַראַקטעריסטיש איז איין זאַך, וואָס פון דעמאָלט אָן, פון דער דאָזיגער אונפאַרגעסליכער נאַכט, בעקלאָגסטו זיך דאָס ערשטע מאָל אויף אויף דעם. מאָדנע איך פאַרשטעה עס גאָרנישט.

— דאָס איז געווען א נידערטרעכטיגע גוואַלד־טאַט פון דיין זייט. איך בעט דיך, לאָמיר בעסער ניט רעדען וועגען דעם, איך וויל בעסער פאַרגעסען וועגען אלעס, וואָס האָט דעמאָלט מיט מיר פּאַסירט.

פרענקי האָט זיך אויפגעשטעלט, אוועקגעגאַנגען פון טיש, און זיך אוועקגעזעצט אויף א נידריגען פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען געגענאיבער דעם קאַמין. ער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף דעם ברענענדיגען פייער, זיך שטאַרק פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט וועגען עפּעס אויסטערלישעס געחלומ'ט. ער האָט שטיל געשוויגען און ניט געענטפערט אויף דער פרוי'ס פאָרוואורפען מיט קיין איין וואָרט.

זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, כאָטש זי האָט ניט געוואָלט ארויסווייזען, אז זי איז בייז. כאָטש זי האָט זיך אליין געגעבען דאָס עהרען וואָרט, אז זי וועט בלייבען שטיל. ניט קאָנענדיג מעהר איינזיצען שטילערהייט, האָט זי פלוצלינג אויסגעשריגען:

— איך שווער דיר, פרענקי, ביי אלעס הייליגען, אז אויב דו וועסט פעליציא'ן עפּעס שלעכטעס טאָן, אויב דו וועסט איהר דראָהען און אויף וואָס פאַר אן אופן עס זאָל נאָר ניט זיין, פאַראומגליקליכען, אויב זי וועט ווערען דיין געליעבטע, וועל איך דיך דערהרג'ענען ווי א הונד! דו הערסט, פרענקי, נעהם זיך גוט אין אכט און געדענק מיינע ווערטער!

הערענדיג אזא דראָהונג, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַרזונקען ווי אין א טיעפען שווערען חלום, און אין זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען גלאַנציגע פייערליך, זיינע שאַרפע בליקען זענען געווען געווענדעט אין דער זייט פון פרוי ליכטענשטיין, וועלכע איז געזעסען געגענאיבער איהם, זיינע שפּיזיגע בליקען האָבען זי שטאַרק צורייצט.

ער האָט אָבער איינגעזעהן, אז איהר אויפגעבראַכטקייט איז נאָך צו שוואַך, אז ער מוז נאָך מעהר שווייגען, כדי צו פאַרשטאַרקען איהר ברוגז און אייפערזוכט. ער האָט ווייטער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווידער ניט גערעדט קיין איין וואָרט, נאָר ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

— פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט? — האָט זי אויסגעשריגען — פאַרוואָס פּראָטעסטירסטו נישט, אז דו הערסט, ווי איך בעשולדיג דיך, אז דו האָסט מיר מיאוס אָפּגענאַרט. פאַרוואָס זיצטסטו ווי א געליימטער און שווייגסט? פאַרוואָס זאָגסטו נישט, אז אלע מיינע פאָרוואורפען שטימען ניט מיט דער ווירקליכקייט? פאַרוואָס זאָגסטו ניט אז דו האָסט נאָר בלויז געמיינט זיך צו פאַרווייליגען, צו טרייבען א שפּאַס. אז דו האָסט ניט פאָראויסגעזעהן, אז דיינע גאַנץ פּשוט'ע, עהרליכע ווערטער וועלען אין פעליציא'ס מוח אזוי ארויסוואַקסען און אָננעהמען אזא גרויסע בעדייטונג? איך ווייס גאַנץ גוט, אז יונגע מיידלעך זענען אין אזא פאַל זעהר לייכטזיניג און גלויבען זעהר שנעל די ווערטער פון א מאַנסביל. ווען מען איז אין אזא עלטער, ווי פעליציא, אין מען קען נאָך אזוי ווייניג דאָס לעבען. ווי זי, קאָן מען האָבען די פולע זיכערקייט, אז די מענער זענען ענטציקט מיט אונז, פרויען, דאָס מינדעסטע וואָרט אייערס, ווערט אין אונזער בעגריף פאַרוואַנדעלט אין א ליעבעס ערקלעהרונג.

— פעליציא האָט זיך ניט טועה געווען, — האָט פרענקי ערנסט געזאָגט — איך ליעב זי.

די ווערטער האָבען דער פרוי ארויסגעפיהרט פון די כלים, און אין גרויס אויפרעגונג און אין גרימצאָרען האָט זי מיט געביילטע פויסטען זיך א וואָרף געטאָן אויף פרענקין און מיט דראָהענדע ווערטער אויסגערופען:

— דו ליעבסט זי! דו ליעבסט און מיר האָסטו געזאָגט פאַרקעהרט, אז איך בין דיין געליעבטע, דו אויסוואורף, וואָס דו ביזט!

ער האָט זיך ניט שטאַרק איבערגענומען מיט די ווערטער, און שטיל אָנגעהויבען רעדען, ווי א גוט־רוטינירטער אַקטיאָר, וואָס האָט פולקאָם באַהערשט זיין ראָל. די זיסקייט און ווייכקייט פון דער שטים האָט די פרוי ליכטענשטיין איינגעשטילט, געגנצליך בערוהיגט, און זי האָט באַלד פאַרגעסען אז ערשט מיט עטליכע סעקונדען צוריק איז זי געווען אין אזא שטאַרקען כעס.

— איך האָב געהאַט א געליעבטע, וועלכע איך האָב פאַרגעטערט. איך האָב געהאַט א געליעבטע, וועלכע איך האָב אזוי שטאַרק געליעבט, אז איך האָב געמיינט, דאָס איך וועל זי אייביג ליעב האָבען, און איך וועל שוין קיינמאָל מעהר אויף קיין אנדערע פרויען ניט א קוק טאָן.

די געליעבטע האָט געהאַט אין זיך אלע מעלות און זי איז געווען די איינאיינציגע, וואָס איז געווען טיעף איינגעבאַקען אין מיין האַרץ.

און אין א געוויסען טאָג איז ביי דער זייט פון מיין געליעבטער אויסגעוואַקסען א פרישע, שעהנע בלום. — עס האָט זיך פאַר מיר בעוויזען א יונג מיידעל, פול מיט חן און רייז, וואָס האָט מיר איינגאַנצען פאַרכאַפּט. אין איהר פרישער, פריהלינגדיגער יוגענט האָט זי געטראָגען אלע סימנים פון מיין צוקונפטיגער פאַרגעטליכטער געליעבטע.

ניט ווילענדיג האָב איך זיך צוגעקוקט צום דאָזיגען הערליכען מיידעל. מיינע אויגען האָבען זיך פון איהר שעהנער געשטאַלט ניט געקאָנט אוועקרייסען. און גראַד אזוי, ווי מען קוקט זיך צו צו א יונגער בלום, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו ענטוויקלען און ווערט אמאָל אלץ רייפער, אזוי האָב איך אָבסערווירט די בליהענדע שעהנהייט פון דאָזיגען מיידעל. און דאָ הויבען זיך אָן פאַנאַנדערצוגעהן מיינע געפיהלען. געגען מיין בעוואוסטזיין הויבט אָן דאָס ליעבעס־געפיהל צו מיין געטליכער געליעבטע צו וועלקען. איך האָב באַמערקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג, אז מיין געפיהל צו דער מוטער און טאָכטער האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין גרויס און מעכטיג געפיהל. געגען מיין ווילען האָב איך ערלויבט, אז דאָס דאָזיגע מיספערשטענדניש זאָל וואַקסען אין מיר, זאָל ווערען וואָס אמאָל שטאַרקער און מעכטיגער. איך גלויב אָבער, איך בין איבערצייגט, אז אין עטליכע יאָהר ארום, ווען דו וועסט שוין ענדגילטיג רעזיגנירען פון די ליעבעס פאַרגעניגענס, וועסטו זיין גליקליך. וואָס די הערליכע, בליהענדע בלום — דיין פעליציע וועט ארייננפאַלען אין מיינע הענט.

ווען ער האָט געענדיגט זיינע ווערטער, וואָס זיינען געוואָרען ארויסגעזאָגט אין א הייסען טאָן, האָט ער גענומען די האַנט פון זיין געליעבטע און געוואָלט זי צוציהען צו זיך.

(ווערט פאָרגעזעצט)

העמדער 11ס

א לענגערע צייט פריער האָבען אונזערע קאַסטומער פאַרלאַנגט פון אונז מיר זאָלען זיי געבען אונגאַנצען־פאַרענדיגטע העמדער. מיר האָבען אינסטאַלירט א העמדער־אָפּטיילונג. דאָס זעלבע ווי עס ווערט געוויזען ביים טאָראָנטאָ עקזיבישאָן דורך אונזער אסאָסיאיישאָן. און מיר זענען גרייט צו געבען אונזערע קאַסטומער א פּאָלשטענדיג פאַרענדיגטען גאַרמענט וואָס וועט צופרידענשטעלען אפילו דעם סאַמע פיינשמעקער.

איר קענט האָבען אייערע העמדער פאָלשטענדיג פאַרענדיגט אין יעדען סאָרט סערוויס אויסער די פייכטע און "דראַי" געוואַש פאַר 11 סענט א העמד אויסער דעם פּרייז פון וואַש פונ'ם העמד וואָס וועט אָפּגעוואויגען ווערען אין אייער באַנדעל ווי עס ווערט פון אייך צוגענומען.

דערמוטיגענדע דערגרייכונגען אין יעדען דעפּאַרטמענט פון אונזער לאָנדרי האָבען געגעבען די פרויען פון טאָראָנטאָ א נייעם באַגריף וועגען וואַש־אַרבייט.

דאָס וואַשען עטליכע מאָל אין מולינעס וואָס מאַכט די קליידער ריינער אָהן רייבען אָדער פאַרניכטען די אידעלע געוועבען — פאַרזיכטיגע קלאַסיפיקאַציע פון אלע קליידער. פרישע רעגען־וואַסער וואָסער צו אלע געוועשען און דאָס שווענקען — קיין צוקנייטשענדער פּרעסען — דאָס זענען בלויז עטליכע פיטשורס פון אונזערע סערוויסעס.

ביטע נעמט אָן דיזע איינלאַדונג צו פּרובירען אונזער סיסטעם. איר וועט געפינען די באַדיענונג אלס פולשטענדיג צופּאַסט פאַר אייערע באַדערפעניששען און פאַר אייער בודזשעט.

SEMI FINISHED
TORONTO WET WASH LAUNDRY Co. Ltd.

ללאָידברוק 2161.

אין יעדע אידישע הויז דאַרף זיך געפינען

וויטאָן
צו יעדען גראָסערי אָרדער דאַרף צוגעשריבען ווערען

וויטאָן
באַשליסט ביי זיך יעדען טאָג צו טרינקען

וויטאָן
זאָל אייער קינד טרינקען יעדען טאָג

וויטאָן

MALT CHOCOLATE FLAVOR
VI-TONE
HOT OR COLD
A TONIC FOOD BEVERAGE
A FOOD
TONIC
BEVERAGE

דער דריי־עק פון געזונט

די רייכע פּראָטעינס פון דעם סאָיא בעביל, און מאַלט עקסטראַקט און מילך. מאַכען דעם שאָקאָלאַד־גע־פלייוואָרטען ווי־טאָון ענערגיע און קערפּער בויענד.

זעהר געשמאַק — רעקאָמענדירט פון דאָקטוירים און אטלעטען.

וויטאָן ווערט רעקאָמענדירט פון יעדען דאָקטאָר, אלס דער בעסטער און געזונטער געטראַנק

וויטאָן איז צו באַקומען אין פאָלגענדע אידישע סטאָרס:

מאַשענבערג, קאָלעדזש סט.
טראַכטער, דאַנדעס סטריט וועסט.
סאַקאָוויטש, בראַנזוויק עוו.
ברייטמאַן, דאַנדעס וועסט.

שטאַרקמאַן, מאַרקהאַם סטריט.
בענט, ראָבערט סטריט.
מעכטיגער, נעסאָו סטריט.
סליימער, גרענדזש און יוראָן.

דאַלמאַן, ליפּינקאָט סט.
בארענשטיין, דאַנדעס סט.
ווינשטיין, דאַנדעס סטריט.
הורוויטש, קאָלעדזש סטריט.
טוו, דאַנדעס סטריט וועסט.

ווי אויך אין אלע אנדערע אידישע גראָסעריס.

קויפמאַן און פיין
די איינציגע אידישע האָלסייל דילער פון אָנטאַריאָ.

צו אלע אידען פון טאָראָנטאָ און פון גאַנץ אָנטעריאָ

די קאַנאַדער אידישע פאָלקס־שול
געזעלשאַפט רופט א

גענעראַל פאַרזאַמלונג

— היינט —

2.30 נאָכמיטאָג אין

לייבאָר ליסעאום

ספּעדיינע עוועניו

ווי בעוואוסט האָט א דעלעגאַציע פון טאָראָנטאָ און אנדערע שטעדט פון אָנטעריאָ לעצטענס באזוכט מאָנטרעאל וואו עס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א זעהר וויכטיגע זיצונג צוזאַמען מיט די דאָרטיגע פאָרשטעהער פון פאָלקס שול געזעלשאַפט און אויך אנדערע דאָרטיגע כלל טוהער אום צו זוכען, וועגען און מיטלען ווי אזוי ראַטעווען די פאָלקס־שול פון אונטערגאַנג און ניט צו לאָזען פאַלען חלילה אן אייביגען שאַנד־פלעק אויפ'ן אידישען נאָמען און עס זענען אָנגענומען געוואָרען זעהר ערנסטע באשלוסען. וועגען דעם אלעם וועט באַריכטעט ווערען אויף דעם איצטיגען דרינגענדען מיטינג אין טאָראָנטאָ.

אלע טאָראָנטאָ מיטגלידער און דעלעגאַטען פון שטעדטלאך ובכלל יעדער איינער וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דעם אז די איינציגע אידישע פאָלקס שול אין קאַנאַדע זאָל עקזיסטירען ווערען געבעטען צו קומען אין צייט און אויך פאַראינטערעסירען זייערע פריינד און בעקאַנטע.

אלע ביז איצט געזאַמעלטע געלדער דאַרפען געבראַכט ווערען צו דער זעהר וויכטיגער פאַרזאַמלונג.

מ. שפּיגעל, פּרעזידענט.

4-טער יערליכער

פאָלקס פאַראיין

באַל

מיטוואָך

31-טען

דעצעמב.

(ניי יאָהר איוו.)

— אין —

קאַליסעאום

בילעטען צו

50 סענט

שוין צו באַקומען ביי די פאָלקס פאַראיין עקזעקוטיווע מיטגלידער

אָרגאַניזאַציעס ווערען געבעטען ניט צו פאַרנעמען דעם דאַטום.

א גרויסע קולטור פייערונג!

די גאַנצע אידישע און וויסענשאַפטליכע וועלט פייערט יעצט דעם זיבעציג יעהריגען יובליי פונ'ם גרויסען אידישען

היסטאָריקער

פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו

היינט 8.30 אָוונט

— אין —

בראַנזוויק עוו. תלמוד תורה

די רעדנער וועלען זיין:

א. ריינזוויין, ד"ר קאַצענעלענבויגען.

מתתיהו קרעמער, פאָרזיצענדער

עס איז אויך לכבוד דעם יום טוב צוגעגרייט א ספּעציעל פּאַסיגער קאָנצערט פּראָגראַם אין וועלכען עס באַטייליגען זיך:



אַדאָלף וויינטרויב

אַדאָלף וויינטרויב
(באַריטאָן)

מר. שערמאַן
(באַקאַנטער פידעל שפּילער)

דער קינדער כאָר פון דער פאַרבאַנד פאָלק שול אונטער דער פירערשאַפט

פון ה. ריגעלהויפּט

די אַרבייטער רינג פּרץ שול קינדער און דעקלאַמאַציעס.

דער דובנאָוו יובליי געפייערט ווערען ביי אונז אין שטאָדט אויף א ספּעציעלען דובנאָוו אָוונט

אַראַנזשירט פונ'ם
דובנאָוו יובליי קאָנפערענץ.

דער באַוואוסטער
Dr. L. WINKLER
אויגען ספּעציאַליסט
איז יעצט פאַרבונדען מיט דער פירמע
DURBIN JEWELRY CO. LTD.
270 YONGE STREET
גרויסער אדווערטייזינגס אָפער
אויגען גלעזער צום לעזען און צו אַרבייטען. מיט די שענסטע פּרעמס. קאַמפּליט — ווינציגער ווי העלפט פּרייז.
מיר פּיקסען אייערע צובראָכענע גלעזער זייער ביליג.
אויגען עקזאַמינירט פּרײ
פאַרגעסט ניט אייערע אויגען וועלען ווערען באַהאַנדעלט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט ביי
דר. ווינקלער, 270 יאָנג סט. עדלייד 6226

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
PUBLISHED BY
JOURNAL PRESS, LIMITED
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
542 DUNDAS ST. WEST. Telephone Trinity 6830-6831
M. Clavir, Pres. and Gen. Mgr.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913

פאר די וואס רעדען און פאר די וואס שווייגען

אובער דער גאנצער אידישער קולטור־וועלט ווערט יעצט געפייערט דער זיבעציג יעריגער געבורטס־טאג פונ'ם גרויסען אידישען היסטאריקער שמעון דובנאוו. און היינט אווענט קומט פאר די פייערונג ביי אונז אין שטאדט.

א כאראקטעריסטישען ענטפער האט געגעבען דער גרויסער היסטאריקער אויף די אלע פייערונגען. אין אן אפענעם בריעף צו דער פרעסע שרייבט ער: —

"הונדערטער באגריסונגען וואס זענען אנגעקומען צו מיין 70 יעריגען יובילעאום לעגען אויף מיר ארויף א חוב אפצוגעבען א הארציגען דאנק אלע פערזאנען און אינסטיטוציעס, וואס האבען מיר אנגעטאן אזא כבוד. שטימען פון דער גאנצער אידישער וועלט באווייזען נאכאמאל, אז עס איז דא א וועלט אידענטום, א לעבעדיגער סינטעז פון אמאל און היינט. באזונדערס האבען מיר געפרייט די אפקלאנגען פון מיינע היסטארישע געדאנקען, וואס איך האב דערהערט אין די באגריסונגען פון דייטשלאנד, וואו מיר איז באשערט צו פארענדיגען מיין לעבענס ווערק. איך האב שטענדיג באטראכט דאס דייטשע אידענטום ווי א פעסטונג פאר אונזער קולטור אויפ'ן גרענעץ פון מזרח און מערב. און איך האף, אז אים וועט נאך אויסקומען שפילען אן אקטיווע ראלע אין אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג.

"דאנקענדיג אלעמען, וואס האבען זיך אפגערופען אויף מיין יובל אין פארשידענע לענדער, שיק איך מיין הייסען גרוס באזונדערס יענע, וואס האבען געמוזט שווייגען אין דעם איינציגען לאנד, פון וואנען עס קאן נישט אנקומען א פריי ווארט: אין מיין היימלאנד, דעם היינטיגען סאוויעט־רוסלאנד. מיין ווארט וועט אודאי נישט דערגיין צו זיי. אבער אויב ווען עס איז וועט עס דערהערט ווערען, זאלען זיי וויסען, אז וועגען זיי, מיינע ליידענדע ברידער, איז געווען מיין טראכטען, מיין טיפער טרויער אין די דאזיגע "פייערליכע" יובל טעג".

וויפיעל טראגיזם עס איז פאראן אין די דאזיגע רייד. ווייט פארטריבען פון זיין היים, וואו ער איז אזוי איינגעווארצעלט געוועזען, פארברענגט ער יעצט אין בערלין, און יעדע מינוט איז ביי אים טייער, ווייל די יארען ווארטען ניט און ארבייט איז פאראן אזוי פיעל.

און פאר די וואס שווייגען. פאר די וואס מוזען שווייגען, אפשר די נענטסטע מחותנים אויף דער שמחה, רעדט דערפאר יענער טייל פונ'ם אידענטום, וואס קען יא ריידען, און דאס איז די איינציגע טרייסט ביים גרויסען אידישען געלערנטען.

און צווישען די, וועלכע קענען רעדען, געפינט זיך אויך די היגע אידישע קהלה. ארום צוויי צענדליג היגע אידישע ארגאניזאציעס, וועלכע האבען א פאזיטיווע באציאונג צו דער אידישער קולטור־ארבייט באטייליגען זיך אינ'ם יום טוב. און מיר ווילען האפען, אז דער זאל וועט היינט אווענט זיין איבערפולט לכבוד דעם יום טוב — ווי עס פאסט די פייערונג. ווי עס פארדיענט עס דער נאמען דובנאוו. ווי עס פארדיענט עס די אידישע געשיכטע, צו וועמענס בנין שמעון דובנאוו האט אזוי פיעל ציגעל ביי־געטראגען.

עס איז א מאסען יום־טוב. און די אידישע פאלקס־מאסען וועלען היינט אווענט איבערשיקען זייער גרוס דעם באליבטען היסטאריקער.

א גרוס צו אים פון דער ווייטער אבער דאך נאענטער טאראנטא.

אנטיסעמיטיזם אין קאנאדע

דער אנטיסעמיטישער ווארעם האט אויך געפונען, ווייזט אויס, א פאסיגען מקום מנוחה, ביי אונז אין קאנאדע. אונז איז שוין אויסגעקומען לעצטע וואך צו אפשטעלען זיך בקיצור אויף דעם דאזיגען טרויעריגען פאקט, ווען מיר האבען קאמענטירט וועגען דער העסליכער פאליטיק וואס ווערט געפירט פון דעם מאנטרעאלער מעיאר, אין פארבינדונג מיט דעם קאמפיין, ערב די פראווינציעלע וואלען אין קוויבעקער פראווינץ.

עס איז באזונדערס טרויעריג וואס דער דאזיגער נפש איז דער מעיאר פון א שטאדט, וועלכע פארמאגט אזא גרויסע אידישע באפעלקערונג. און נאך מער טרויעריג איז דער פאקט, וואס ער איז דערוועהלט געווארען אלס מעיאר מיט דער הילף פון צענדליגער טויזענטער אידישע שטימען. הפנים אז די מאנטרעאלער אידען האבען גאר ניט געוואוסט פריער, וואס פאר א פרצוף ער טראגט אונטער דער "אידען־פריינדליכער" מאסקע.

און איצט זענען זיי ביטער אנטוישט. און פלאנעווען פראטעסט־דעמאנסטראציעס געגען דעם דאזיגען פארשוין.

אבער ניט וועגען די מיטלען וואס די מאנטרעאלער אידען דארפען און זאלען אננעמען געגען דעם מעיאר, ווילען מיר דא שרייבען. נאר וועגען דעם פאקט גופא. אז דער הויפט־בעאמטער פון קאנאדע'ס מעטראפאליע, וועלכער איז אויך דער פירער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי אין דער קוויבעקער פראווינץ, איז אזא פארביסענער אידען־שונא, און האט קיין מורא ניט עס אפען ארויסצושרייען.

אויב אין אנדערע לענדער איז דער אנטיסעמיזם פארשטענדליך, איז עס אבער בשום אופן ניט אזוי אין קאנאדע. אין דעם לאנד פון נאציאנאליטעטען און וואו עס הערשען צוויי באזונדערע שפראכען — אין דעם לאנד וואו עס מוז האבען טאלעראנץ צווישען איין נאציאן און דער צווייטער, ווארים אנדערש וואלט דאס לאנד שוין לאנג צושפליטערט געווארען אויף שטיקלאך — אט אין דעם דאזיגען לאנד פון פיעלשפראכיגקייט, איז עס די גרעסטע קללה ווען דער הויפט פון דעם גרעסטען צענטער אין לאנד פרעדיגט ראסען־האס, הגם אויף אביסעל א פארשטעלטען אופן.

און נאך מערקווירדיגער איז עס מיט דעם, וואס דער דאזיגער פארשוין איז אליין א פראנצויז, וועלכע איז דאך אין דער מינאריטעט אין לאנד, הגם געניסענדיג די פולע פרייהייט און רעכט פון דער מאיאריטעט. ווייסען מיר דאך ווי אויפגערייצט די קוויבעקער קאטויליקען זענען אויף דעם קאנסערוואטיווען פרעמיער פון סאסקאטשיוואן, דר. ענדערסאן, דערפאר וואס דער לעצטער האט זיך פארגומען צו אפשאפען פראנצויזיש פון דעם דארטיגען עפענטליכען לעבען. און זיי זעען ניט איין, אז דאס וואס עס פארדריסט זיי און דאס וואס זיי טוט וועה, טוען זיי אייגענטליך דאס זעלבע צו אנדערע.

עס וועט זיין דער טרויעריגסטער מאמענט אין דער קאנאדער געשיכטע ווען דאס לאנד וועט אנהויבען אויפגעהעצט ווערען פון איין נאציאן אויף דער צווייטער. און הגם אן אנהויב פון דעם דאזיגען טרויעריגען צושטאנד, מערקט זיך שוין איצט, ווילט זיך אבער האפען, אז דער ביליגער קאריעריסט און נאך ביליגערער פאליטישען קאמיליען הוד, וועלכער איז דער מעיאר פון מאנטרעאל, וועט ניט געפינען קיין פעטען באדען אין קאנאדע פאר זיינע אנטיסעמיטישע שטיק.

אין דער זעלבער צייט איז עס אבער אויך אומבאדינגט נויטיג אז די אידען זאלען אים געבען דעם געהעריגען ענטפער. איידער עס ווערט צו שפעט. דער פארשוין דארף קריגען איבער די הענט.

גוט איז כאטש א טעמע

וועגען דעם פילאזאפישען דעראו־בריקנער־געשלעג אין מעסי האל.

פון עזרא.

צו אייך אלע, וועלכע האבען דאנערשטאג אווענט פארלאזען די "פאוקער גיימס", די "ברידזש" טישלאך, און איבערגעלאזען פאר"יתומ'ט און עלענד דעם "ראיעל פלאש" — צו אייך אלע מיין ווארימסטער מיטגעפיל.

א, וויפיעל "גיימס" זענען געבליבען ניט־דערשפילט, צוליעב דעם וואס אחינו בני ישראל זענען געקומען אין די מאסען אין מעסי האל אריין, בייצווויין ביים גרויסען ספעקטאקעל, די דעראו־בריקנער דעבאטע.

און פיעלייכט נויטיגט איר זיך גאר ניט אין מיין סימפאטיע און מיטגעפיל, ווייל איר האט פון דער דעבאטע אפשר אזוי פיעל הנאה געהאט ווי פון א גוטען "פינאקעל". און אויב איר נויטיגט זיך און מיין סימפאטיע ניט, דאן שיקט עס איבער צו די "האיבראו'ס", פאר וועמען דער ספעקטאקעל איז זיכער געוועזען אן אפקומעניש — אי אן אווענט פארלוירען, און נאך געמוזט באצאלען פאר דעם א דאלאר מיט א האלב חוץ "וואר־טעקס".

און צו אייך אלע אין דער היים־געבליבענע — נעמט צו די קרוין פון חכמה, וועלכע איר פארדיענט זיכער צו טראגען אויף אייערע קלוגע קעפ, שוין צוליעב דעם אליין וואס איר זענט ניט פארכאפט געווארען מיט'ן שטראם, זענט ניט געשטאנען שטונדען־לאנג צו קריגען א "סטענדינג" פלאץ, און איר זענט זיכער ניט נארישער געווארען, טראצדעם וואס איר האט ניט געהערט די אליף־בית דעבאטע.

און זאלען מיך ביידע טשעמפיאנען אויך מוחל זיין. "פייטינג דעראו" און "נאק־אוט בריקנער" קענען זיך זיין גאנץ גוטע מענשען אין זייער פאך, איינער א גרויסער קרימינאל־אדוואקאט, און דער צווייטער א גלענצענדער גייסטיגער פירער פון רעפארמירטע צאן קדשים. אבער מיינע הערען — פון פילאזאפישע פראגען מאכט מען ניט קיין צירק־אויסשטעלונג.

פילאזאפיע, און בפרט נאך אזא קאמפליצירטע זאך, צי א מענש האט א נשמה אדער איז א מאשין, האט מער צו טאן מיט א שטיל ווינקעל, מיט פארטיפען זיך אין זיך, מיט אייגענע מחשבות, ווי צו קומען אין מעסי האל אויסגעפוצט, דער מאן אין זיין טאקסידא, און די פרוי אין איר האלב־נאקעטקייט.

נשמה, גאטהייט, פילאזאפיע — דאס האט גיכער צו טאן מיט דעם "קול דממה דקה", ווי מיט אראטארישער בינע־שרייאיגקייט, און וויצען, למשל, וועגען דעם, אז פון א צוזאמענפארונג צווישען א פארד קאר און א "ראלס־ראיס" וועט קיין "לינקאלן" ניט ארויסקומען.

ווען איינעם אינטערעסירט באמת צו וויסען יענעם אייביגען רעטעניש וועגען דעם מענשען און זיין גאט, איז זיכער ניט מעסי האל דאס פלאץ פאר דעם.

פינף מינוטען פארטיעפונג אין זיך וועט יעדען איינעם געבען מער ווי צוויי שטונדען פילאזאפישען "רינג־פייט" אין מעסי האל.

און דאך בין איך געגאנגען, ווי אלע זענען געגאנגען, כאטש מיט א פאראורטייל.

און צוליעב דעם דאזיגען פאראורטייל בין איך טאקע ניט געבליבען אנטוישט — ווייל איך האב גאר ניט דערווארט און גאר ניט באקומען.

דעראו'ס לעקציע אין אנטראפאלאגיע האב איך נאך געלערנט אין מיינע שילער־יארען, און ראביי בריקנער'ס ציטאטען פון איינשטיין'ען האב איך צוגלייך מיט אים געלעזען אינ'ם אקטאבער נומער "פארום".

און אפילו ראביי אייזענדראט'ס "סטארי" וועגען די "ראביים" און "רעביס" האב איך שוין פריער געהערט א צענדליג מאל.

און ווען דעראו האט געזאגט, אז "קוריאזיטעט איז דער אנהויב פון אלצדינג" — האב איך געהאט דעם שליסעל צו דער רעטעניש פונ'ם גרויסען באזוך.

ווען ניט די זעלבע קוריאזיטעט, וואלטען ניט געוועזען די דריי־פיער טויזענט דאלאר איינגאמע און די עטליכע צענדליג דאלאר פאר דער פראווינץ־קאסע אין דער פארמע פונ'ם "קריעגס־שטייער".

און די אלע קוריאזע באזוכער ווייסען נאך יעצט זיכער אויך ניט, צי דער מענש האט א נשמה, ווי די אלטע דאגמאטיקער ווילען עס האבען, אדער דער מענש איז נשמה, ווי ראביי בריקנער טייטשט עס אויס.

און פונקט אזוי ווייניג ווייסט ער אויך, צי א זאמד־קערנדעל האט אין זיך עטוואס נשמה'דיגס אדער ניט.

ארבא, איך וועל אוועקגעבען דעם גאנצען האנאראר פאר מיין דאזיגען פעליטאן צו דעם יעניגען, וועלכער וועט מיר קענען ענטפערען אויף ראביי בריקנער'ס אולטימאטום — פון וואנען האט זיך אנטנומען די ערשטע צעלע אדער די מאטעריע, פון וועלכען דער מענש האט זיך אנטוויקעלט?

דער ערשטער מיר צו געבען די פאסיגע תשובה, באקומט ניט נאר דעם געלט־פרייז, נאר איך וועל אים פראקלאמירען אלס דעם גרעסטען חכם.

און א פרייז בין איך אויך גרייט צו געבען דעם יעניגען, וואס וועט מיר דערקלערען דעם רעטעניש, צי אין קלארענס דעראו'ס אדערען פליסט טאקע אידיש בלוט.

"איך וויל ניט קיין קרעדיט. נאר בעסער די קעש" — האט דעראו געטענה'ט פון דער פלאטפארם, און מזומן, "קעש" הייסט עס שמעקט מער מיט אידישקייט ווי מיט "יענקיזם".

* * *

איך ווייס ניט וויפיעל נוצען די דעבאטע האט וועמען געבראכט — מיר אבער זיכער, וועניגסטענס א טעמע פאר א פעליטאן.

טשיקאווע אידישע פאסירונגען אין ווין

(פון אונזער ווינער קארעספאנדענט)
מ. א. טענענבלאט.

שלום אש פארגעסט וואו ער וואוינט.

פיעלע צייטונגען אויך מחוץ עסטרייך האבען אויפגעכאפט א סענזאציע איבער שלום אש'ס גאסטשאפט אין ווין. דער גרויסער אידישער ראמאניסט האט מיטגעמאכט א קורעציע אין עסטרייכישען וועלט באד גאסטיין. אזוי ווי זיינע ווערק ווערען ארויסגעגעבען אויף דייטש פון א גרויסען ווינער פארלאג און די דייטשע איבערזעצונג פארקויפט זיך נאך שטארקער ווי די אידישע אריגינאלען, האט שלום אש אין די לעצטע עטליכע יאהר אפט נויטיג צו זיין אין ווין. די שטאדט איז איהם בכלל ניט פרעמד. ער איז שוין אמאל צעהן געוועזען אין ווין. זיינע דראמעס זיינען סיי אויף אידיש סיי אויף דייטש שוין פיעלע מאל געשפיעלט געווארען אויף באקאנטע ווינער ביהנעס און ער איז דא פערזענליך און קינסטלעריש באפריינדעט מיט די בעסטע נעמען פון דער ווינער דיכטער־וועלט.

און אויך דאס מאל האט שלום אש שוין דעם ערשטען אווענט פארבראכט אין אנגענעהמער געזעלשאפט מיט פראנץ ווערפעל און מיט אנדערע עסטרייכישע ליטעראטען. אינמיטען דער אינטערעסאנטער קאנווערסאציע, האט מען צופעליג געפרעגט שלום אש אין וועלכען האטעל ער וואוינט. און שלום אש האט פארגעסען דעם נאמען פון האטעל, וואו מען האט איהם צוגעפיהרט. עס איז דעמאלט געווען א גרויס ענגשאפט אין ווינער האטעלען, דארום האט דער אידישער דיכטער אין דעם זעלבען טאג געביטען עטליכע האטעלען, ביז ער האט געפונען א פאסיגע אכסניה. זייענדיג שוין אין ערשטען טאג שטארק פארנומען מיט קאנטראלירען א נייע דייטשע איבערזעצונג, מיט קאנטראקטליכע ענינים ביים פארלאג און מיט קינסטלערישע און געזעלשאפטליכע פארפליכטונגען, האט ער ניט געהאט קיין צייט און קיין געדולד פאר פראקטישער באלעבאטישקייט, און האט זיך דארום ניט געמערקט דעם נאמען פון האטעל, אזעלכעס איז שוין פארגעקומען ביי אינטערנאציאנאלע דיכטער און פילאזאפען, פארוואס זאל עס ניט טארען פאסירען אויך א גרויסען אידישען דיכטער?

פ. שלום אש האט מסתמא דאן אליין אדער מיט דער הילף פון פריינד געפונען דעם האטעל מיט זיין באגאזש אין בעסטער ארדנונג און איבערשלאפען דערווייל א נאכט אין אן אנדערען האטעל האט ער אויך נאך געפונען אין ווין. אבער פאר אייניגע צייטונגען אויך אין נאהענטען אויסלאנד איז עס געווארען א גוטע סענזאציע און פאר פיעלע לעזער אויך א נייע אויפמונטערונג צו לייענען די ראמאנען פון א אידישען דיכטער, וועלכער איז אזוי פארטיעפט, אז ער פארגעסט, וואו ער וואוינט.

דער ווינער דייטשער פארלאג האט מסתמא געמאכט דערביי דאס בעסטע געשעפט.

ניטא קיין אויבעררבינער פאר ווין.

די ווינער קהלה האט בנוגע אויבערראבינער א גוטע טראדיציע און א פיינעם געשמאק. אזעלכע רבנים ווי יעלינעק, גידעמאן און חיות ווערען ניט אלע פאר יאהר געבוירען און נאר ווייניגע לענדער האבען געהאט זייערס גלייכען. בכלל, איז אויך צווישען גרויסע מענשען א זעלטענקייט א פולע הארמאניע צווישען תלמיד חכם און פערזענליכקייט. ווינער האט כמעט תמיד געהאט דעם דאזיגען זכות, וואס אפילו די אסימילאטארישע פרנסים האבען ביים אויפנעהמען אן אויבעררבינער געקוקט מעהר אויף כאראקטער און פערזענליכקייטס־ווערט צוזאמען מיט גרויסע למדנות ווי איידער אויף אפשטאמונג און פאליטישע איבערצייגונג. זיי האבען תמיד געזוכט ניט סתם א גרויסען רב, נאר א מנהיג רוחני, א רעפרעזענטאט פון תורה וגדולה אין גייסטיגען און מאראלישען זין. ווען זיי האבען דערזעהן אין פראפעסאר חיות דעם דאזיגען גרויסען אידישען מנהיג, האבען זיי איהם תיכף גערופען קיין ווין און איהם אפגעגעבען דעם גרעסטען כבוד, הגם ער איז געווען א גאליציאנער און דערצו נאך א קעמפערישער ציוניסט. זיי האבען אלע געוואוסט, אז זיי נעהמען זיך אריין אין אייגענעם היים א פייעריגען צושטערער פון זייערע אסימילאטארישע אידעאלען, ער האט טאקי זיך פארגעשטעלט תיכף פאר זיי אלס א פאנאטישער פרעדיגער פון ציוניזם און פון אידישען נאציאנאליזם און געטאן האט ער דאס דוקא פון דער רבנישער קאנצעל אין הויפט טעמפעל גופא. אבער אלע האבען זיי אנגעבויגען דעם קאפ פאר זיין גרויסער אויטאריטעט און פאר זיין קרישטאל ריינער מאראלישער פערזענליכקייט.

דארום איז טאקי די גרויסע ווינער אידישע קהלה שוין באלד דריי יאהר פאר'יתומ'ט, אהן אן אבעררבינער, אהן א גייסטיגען פיהרער און רעפרעזענטאנט. מען געפינט ניט קיין גדול הדור און מען קען זיך ניט צוקלייבען קיין מיטעלמעסיגקייט פון מזרח אדער פון מערב. דאס ווינער אידענטום אלס סינטעזיס פון מזרח אייראפעאיש, מערב אייראפעאיש אידישע און דרום אייראפעאישע אידישע קבוצים קען ניט נעהמען קיין קאלטען שטייפען ארטאדאקסישען אדער פרייזיניגען דייטש און אויך ניט קיין פולען טיפ פון פוילישע אדער אונגארישע רבנים. עס דארף דא זיין אי א גדול הדור אי א פיינע מישונג פון מזרח איד מיט מערב איד אלס רעפרעזענטאנט־גייסטיגע און מאראלישע פערזענליכקייט. פיעלע רבנים אין אויסלאנד ווייסען דאס אליין און דארום איז אפילו די צאהל פון קאנדידאטען ביז היינט געווען א זעהר מינימאלע. און אפילו צווישען די ווייניגע רעפלעקטאנטען איז ביז היינט ניט געפונען געווארען קיין איינציגער פאסיגער קאנדידאט, וואס זאל קענען פארשטעלען זיך מיט פולער אויטאריטעט אלס גייסטיגער אנפיהרער פון ווינער אידענטום.

אבער אלע פארטייען אין דער ווינער קהלה ווייסען, אז מען קען ניט לענגער לאזען פאריתומ'ט די קאנצעל פון אויבעררבינער. דארום זוכט מען אצינד נאך פלייסיגער ווי ביז היינט און כמעט מיט ליכט נאך א פאסיגען קאנדידאט. מען וויל אומבאדינגט באזעצען דעם פלאץ אין משך פון נייעם יאהר. צו וועט מען ענדליך געפינען די ווירדיגע פערזענליכקייט, אדער איז דער רבנים שטאנד אין דער גאנצער וועלט ניט בכח ארויסצוגעבען פון זיך דעם בעסטען אדער כאטש איינעם פון זיינע בעסטע רעפרעזענטאנטען כדי באזעצען דעם אלט־עהרווירדיגען כסא הרבנות הראשית אין דער צווייטגרעסטער אידישער קהלה פון אייראפא? אדער ליגט דער פעהלער ביי דער פארוועהנטער ווינער קהלה, וועלכע קלויבט צופיעל? זיכער איז, אז אויף יעדען פאל, וועט מען אלעס טאן כדי נאך היינטיגעס יאהר דעם פלאץ צו באזעצען, ווייל דאס ווינער אידענטום קען זיך ניט לענגער באגעהן אהן א גייסטיגען און מאראלישען פיהרער.

("איטא").

ווי אזוי אמעריקע געפינט פארברעכער דורך פינגער פרינטס

אמעריקאנער יוסטיץ דעפארטמענט פארמאגט מעהר פינגער פרינטס ווי דער פראנצויזישער אדער דער ענגלישער.

דער דעפארטמענט אוו דזשאסטיס אין וואשינגטאן פארמאגט א קאלעקציע פון פינגער־פרינטס וואס איז די גרעסטע פון דעם סארט אין דער וועלט. אפילו די בארימטע דעטעקטיוו סיסטעם ווי סקאטלאנד יארד פון ענגלאנד, אדער די פראנצויזישע געהיים פאליציי, פארמאגט ניט אזא ריזיגע קאלעקציע פון פינגער־צייכענס וואס העלפען דער רעגירונג געפינען די שפורען פון די גרעסטע מארד אדער שווינדעל געהיימניסען. פיעלע אנדערע מעטאדען ווערען געברויכט צו זוכען פארשוואונדענע פארברעכער, אבער קיינע פון זיי איז ניט אזא ווירקזאמע ווי די צייכענס וואס פארברעכער לאזען איבער אויף זאכען, ווייל דיזע צייכענס בייטען זיך קיינמאל ניט. דער מענש ווערט מיט זיי געבוירען און ער שטארבט מיט זיי.

אין דעם "פאבליק לעדזשער" ווערען געבראכט זעהר אינטערעסאנטע פאקטען וועגען דיזער ארבייט וואס די אמעריקאנער רעגירונג פיהרט אן. אין 1928 האבען פיער רויבער געמאכט א האלד אפ אויף א באנק אין קאמאר, קאלאראדא. דער פרעזידענט פון דער באנק און זיין זוהן זיינען ערמארדעט געווארען. צוויי אנגעשטעלטע זענען געקידנעפט געווארען און די רויבער זענען אנטלאפען מיט 200 טויזענט דאלאר. איינעם פון די געקידנעפטע אנגעשטעלטע האבען די באנדיטען ארויסגעווארפען פון דער קאר, אבער דעם צווייטען האבען זיי אוועקגעפיהרט און ערמארדעט. איינער פון די באנדיטען איז אין פארלויף פון דעם האלד אפ פארוואונדעט געווארען און ער איז אריין צו א דאקטאר, פון א דערבייאיגען שטעדטעל, בעטענדיג איהם, אז ער זאל איהם פארבאנדאזשירען די וואונד נאכדעם ווי דער דאקטאר האט איהם געהאלפען, האט דער באנדיט איהם אויך ערמארדעט און איהם אריינגעווארפען צוזאמען מיט זייער אויטאמאביל אין א טהאל. עראפלאנען האבען זיך געיאגט נאך די געפעהרליכע רויבער, אבער זיי האבען זיך אויסגעדרעהט און זיינען אוועק. עטליכע טעג שפעטער האט מען געפונען דעם אויטאמאביל אויף וועלכען עס זיינען געוועזען פינגער פרינטס און דיזע צייכענס האבען געהאלפען די דעטעקטיוון צו ארעסטירען דזשעק פליגעל, דעם פיהרער פון דער באנדע.

דזש. עדגאר הואווער, דער דירעקטאר פון דער ביורא אוו אינוועסטיגיישאן, וואס איז א טייל פון דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס, באהויפטעט, אז ביי דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ פון פאליציי שעפס וואס איז מיט עטליכע יאהר צוריק אפגעהאלטען געווארען, איז עטאבלירט געווארען א צענטראלע ביורא, וואס האט אלס איהר אויפגאבע צו זאמלען די פינגער צייכענס פון בארימטע פארברעכער און מיט דער הילף פון דיזע צייכענס זיינען שוין ביז איצט אויפגעטאן געווארען וואונדער אויפ'ן געביעט פון אויסגעפינען מערדער און גענגסטערס.

די ערשטע פעדעראלע ביורא פון קרימינאל אידענטיפיקיישאן איז איינגעפיהרט געווארען אין דער לעווענווארט פעניטענשערי. דארט זיינען געהאלטען געווארען די ערשטע רעקארדס פון פינגער פרינטס. נאר אזוי ווי פריזאנערס האבען געטאן די ארבייט האבען זיי איינער דעם אנדערען ארויסגעהאלפען צו פארשמירען די פינגער פרינטס אזוי, אז מען זאל זיי ניט דערקענען און דערפאר איז מען געווען געצוואונגען איינצופיהרען אן אינטערנאציאנאלע ביורא. יעדער פאלים אפיסער פון אמעריקא אדער פון אן אנדער לאנד האט א פרייען צוטריט צו דיזע פינגער פרינט רעקארדס. ווען איינער ווערט ארעסטירט און זיינע פינגער פרינטס ווערען אפגעשטעמפעלט, ווערט א קאפיע דערפון אוועקגעשיקט צו דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס אין וואשינגטאן און ווען די פינגער פרינטס קומען אן קיין וואשינגטאן, געפינט מען שוין דעם גאנצען יחוס פון דעם פארברעכער וועמענס פינגער צייכענס עס זיינען ארונטערגענומען געווארען.

גאנץ אפט קומען אן אין דעם וואשינגטאנער דעפארטמענט איבער 1500 אנפראגען א טאג וועגען פארברעכער. עס געהט ניט אוועק דער טאג אז דיזער דעפארטמענט זאל ניט דערקענען דורך די פינגער צייכענס אם ווייניגסטען 500 פריזאנערס אדער פארברעכער, וועלכע ווערען געזוכט. גאנץ אפט ווערט די אינפארמאציע געשיקט טעלעגראפיש צו אלע טיילען פון די פאראייניגטע שטאאטען.

אין דעם איצטיגען מאמענט פארמאגט דיזער דעפארטמענט די פינגער צייכענס פון צוויי מיליאן מענשען און אין פארלויף פון די ערשטע מאנאטען פון היינטיגען יאהר זיינען צוגעקומען נאך רעקארדס פון א האלבען מיליאן מענשען.

מעהר ווי 2200 קערפערשאפטען וועמעס אויפגאבע עס איז צו פארפאלגען פארברעכער זיינען אנגעשלאסען אין דער אינטערנאציאנאלער ביורא. צווישען דיזע קערפערשאפטען געפינען זיך די פאלים דעפארטמענטס פון אמעריקע און אנדערע לענדער. די ארבייט פון דיזער ביורא איז פון געוואלדיגער וויכטיגקייט פאר די פאלים ביוראס און דזשאדזשעס וועלכע קענען ארייננקוקען אין די רעקארדס און וויסען וואס זיי האבען צו טאן מיט די אנגעקלאגטע וועלכע ווערען צו זיי געבראכט.

"פראמינענטע יוריסטען האט מר. הואווער, דער דירעקטאר פון דער וואשינגטאנער ביורא ערקלעהרט — זיינען באגייסטערט פאר אונזער ארבייט און האבען אונז ניט איינמאל געלאזט וויסען, אז ווען ניט אונזערע רעקארדס, וואלטען זיי גאנץ אפט א טעות געמאכט בעת זיי דארפען ארויסגעבען אן אורטייל. עס וועט ניט נעהמען לאנג און אונזער ביורא פון קרימינאל אידענטיפיקיישאן וועט ווערען איינע פון די גרעסטע און בארימטסטע אין דער גאנצער וועלט".

שקל אויפרוף צו די אידען אין קאנאדע

ברידער אידען!

דעם 5־טען פעברואר 1931 וועט אפגעהאלטען ווערען דער 17־טער אלוועלטליכער ציוניסטישער קאנגרעס. דער איצטיגער, ספעציעלער קאנגרעס איז פון באזונדערס גרויסער וויכטיגקייט. זייט דעם לעצטען קאנגרעס זיינען אין דעם ציוניזם פארגעקומען טרויעריג וויכטיגע געשעהענישען.

די אויגוסט פאסירונגען אין ארץ ישראל אין 1929 זיינען א בלוטיגער קאפיטעל אין דער געשיכטע פון אונזער ארבייט. דער שאו־באריכט, אפשטעל פון אימיגראציע און לעצטענס דאס שווארצע "ווייסע פאפיער" פון לארד פאספילד האבען ארויסגערופען א שטורם אין דער גאנצער אידישער וועלט.

דער ציוניסטישער קאנגרעס וועלכער איז די אידיש־נאציאנאלע פאלקס פארטרעטונג און די אלוועלטליכע אידישע טריבונע וועט דארפען דערהויבען זיין שטימע צו דער גאנצער אידישער און ניט־אידישער וועלט.

אויף דעם דאזיגען קאנגרעס דארף דאס קענעדער אידענטום פארנעהמען א געהעריגען פלאץ. כדי צו האבען א באדייטענדע פארטרעטערשאפט מוזען מיר פארשפרייטען א וואס־גרעסערע צאהל שקלים. יעדער שקל צאהלער איז בארעכטיגט צו שטימען פאר דעלעגאטען צום קאנגרעס.

די באדייטונג פון שקל איז א צווייפאכע: די שקלים געלדער זיינען די איינציגע קוועלע פון וואנען די ציוניסטישע וועלט עקזעקוטיווע דעקט די הוצאות פאר איהרע ארגאניזאטארישע און פאליטישע אויפגאבען אין לאנדאן, ירושלים און זשענעווא. אבער א חוץ דעם פינאנציעלען מאמענט איז דער שקל פון א גרויסער באדייטונג, ווייל ער איז דער שטימען־צעהלער פון דעם אידישען פאלקס ווילען און פון די פאראינטערעסירטע אידישע מאסען אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל אלס דאס אידישע היימלאנד.

וואס מעהר שקלים עס ווערען פארקויפט, אלץ גרעסער מוז וואקסען דער אלוועלטליכער פאליטישער פרעסטיזש און די מאראלישע מאכט פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

מיר אפעלירען דערפאר צו ציוניסטען פון אלע ריכטונגען איבערן לאנד און צו אלע אידען וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דער צוקונפט פון ארץ ישראל: קויפט דעם שקל און פארשפרייט שקלים צווישען אייערע פריינט און באקאנטע.

זאל דער שקל פארקויף אין קאנאדע זיין א שטארקע דעמאנסטראציע פון דער אידישער נאציאנאלער אויפלעבונגס אידעע און פאר דעם אידישען גאולה אידעאל וואס לעבט אין קענעדער אידענטום.

דער פאראייניגטער שקל קאמיטעט פאר קענעדע אין וועלכען עס באטייליגען זיך אלע ציוניסטישע פארטייען און גרופען, האט באשלאסען אנצופיהרען א ברייטע שקל אקציע איבערן לאנד אין משך פון חודש דעצעמבער.

חברים ציוניסטען פון אלע גרופירונגען!

איהר טארט ניט מאכען קיין טעות און גלויבען אז מיט געלט זאמלונגען פאר ארץ ישראל דערפילט איהר אייער ציוניסטישע פליכט. דער ציוניזם באזירט זיך ניט אויף געלט זאמלונגען, זיין יסוד איז די נאציאנאלע פאדערונגען פון אידישען פאלק.

נאציאנאלע פאדערונגען ווערען אנערקענט דורך די פעלקער אויפ'ן סמך פון אפגעגעבענע שטימען און געזאמעלטע מענשליכע מאסען. דאס איז דער סימבאל פון שקל.

נעהמט זיך תיכף צו אן ענערגישען שקל פארקויף און ברענגט די קאנאדער שקל אקציע צו א גרויסען מאראלישען און פינאנציעלען דערפאלג.

פאראייניגטער שקל
קאמיטעט פאר קענעדע.

רומענישע זשאנדארמען אנגעקלאגט פאר... שיסען אידען

פון טשערנאוויץ מעלדעט מען:

צוויי זשאנדארמען פון באלאטשאנו, בוקאווינע, זענען באזייטיגט געווארען פון דינסט און וועלען געשטעלט ווערען פאר א געריכט, ווייל נאך די באוואוסטע אנטיסעמיטישע עקסצעסען פון באלאטשאנו זאלען זיי האבען געשלאגען עטליכע פאגראמטשיקעס פאר אנפאלען און רויבירען אידישע הייזער. דער פראצעס געגען די זשאנדארמען וועט פארקומען אין העכסטען געריכט אין טשערנאוויץ.

שפריצען

פון יהושע זינגער

אויב היינטיגע צייטען איז דער מענש א מאשין, אדער עטוואס העכער ווי א מאשין, קענען ניט קומען צו א בעשלום, רבנים און לאיערס און ריכטער.

אבער היינטיגע צייטען, אז א מענש, וואס האט קיין מאשין, איז קיין מענש ניט. דאס וועט אייך שוין זאגען אפילו א פשוט'ע אידענע!

* * *

א רייכע אידישע ליידי האט צוגע־נומען א נייע דיענסט. פרעגט זי איהר די אורזאכע ווארום זי האט פארלאזען איהר פריהערדיגען פלאץ.

זאגט זי, ווייל דער בעל־הבית, פלעגט מיר אימער קושען, ווען נאר ער איז אריין אין קיטשען.

'און דו האסט עס ניט געגליכען?"

"נא, מיר האט דאס ניט געארט, נאר זיין פרוי האט דאס ניט געגליכען".

* * *

אויף א מיטינג פון מיין שוהל, רופט אויס דער פרעזידענט:

"איך שטעל איין מיין קאפ, אז ווי איך זאג איז ריכטיג!"

רופט אויס דער וויס־פרעזידענט:

"און איך שטעל איין מיין בענק־בוך, אז ווי איך זאג איז ריכטיג!"

"אייער בענק־בוך איז דאך אבער ליידיג!"

"אייער קאפ איז אויך ליידיג!"

* * *

איהר שפיעלט זיך עפעס מיט אונזער מאדערנער צייט!

איך הער ווי אין פארלאר זאגט מיין באי צו זיין גויריל־פרענד:

"בעקי, דארלינג, וועסטו מיר ערלויבען געבען דיר א קוש אין האנד?"

"שור קיד!" רופט זי אויס, "טהו עס, נאר זיי קערפול, ברען ניט אפ דיין נאז אן מיין סיגארעט!"

* * *

געהענדיג שפעט ביי נאכט, ארום עלף אזייגער, אין קווין סטריט, האב איך זיך אריינגעכאפט אין דעם נייעם אידישען כשר־רעסטאראנט, כאפען עפעס א בים.

גלייך ווי איך האב זיך געזעצט ביי א טישעל, איז צו מיר צוגעקומען א יונגע, שעהנע וייטערקע, און מיר אפגעמאסטען מיט א בייזען בליק:

"סקאציל קומט! אראפגעקומען אן אורח עלף אזייגער ביינאכט, ווען עס איז צייט צו שלאפען געהן! וואו האט מען דאס ארומגעכווענדעט? געווען מי א מיטינג אין דער יוניע, אין דער סאסייטי, הא?"

האב איך א קוועטש געטאן מיט די פלייצעס, אויף דעם מאדנעם קבלת־פנים, און זאג צו איהר:

"מיס! איך בין אהער ניט געקומען אויף צו מאכען שפאס, איך בין געקומען, ווייל איך וויל עסען!"

זאגט זי: "איך ווייס אליין, אז איהר זענט געקומען, ווייל איהר ווילט עסען, א ניט די קישקע, וואלט איהר נאך ערגעץ ווייטער ארומגעכוועגדעט!"

"מיס!" גיב איך א געשריי, שוין מיט כעס, "איך וויל אז איהר זאלט מיר געבען פרייד־פיש, א שטיקעל טשיז־קייק און א קאפע קאפע, ניט קיין ארגומענטען!"

"מכות וועל איך אייך געבען! א גע־שוויר, א פוכיר, אויףביידע זייטען!" האט זי דערלאנגט א געשריי נאך א הע־כערען ווי מיינעס. "איהר האט געהערט ווי א מענש האט דאס אויסגערעכענט, פרייד־פיש, טשיז־קייק און א קאפע קאפע! אפשר געבען אייך מאנדעל־זופ אויך? האט איהר געוואלט די אלע זאכען, האט איהר געדארפט קומען פריהער, יעצט זענט איהר גיט קראנק צו עסען ברויט מיט א שטיקעל פיקעל־הערינג!"

"היי, וואט דהי העל!" שריי איך אויס, "וואס איז דא א רעסטאראנט?"

"געוויס א רעסטאראנט! וואס דען א שוהל?"

"אויב דא איז יא א רעסטאראנט, דאן מוז איך אייך זאגען, אז דאס איז אפשר, דער ערשטער רעסטאראנט אין דער וועלט, וואו א וויטערקע, באהאנדעלט אזוי א קאסטומער! אבי איר אדווערטייזט אין "אידישען זשורנאל" אז . . ."

"וואס אדווערטייזען מיר?" שלאגט זי מיר איבער, אדרבא, אויף טשיקאוועס לאמיר הערען!"

נעהם איך גלייך ארויס א נומער "זשורנאל", און הויב אן צו לייענען זייער אדווערטייזמענט:

א רעסטאראנט מיט די מאדערנסטע באדיענונגען!

אונזער יונגע, שעהנע וויטערקע וועט אייך מאכען אז איהר זאלט זיך פיהלען אזוי ווי איהר זייט ביי זיך אין דערהיים, זי וועט אייך טריטען פונקט ווי אייער אייגענע ווייב טריט אייך!"

"נו, וואס וועט איהר יעצט זאגען!" האט זי אויסגערופען מיט א נצחון, "טריט איך אייך אפשר נישט, ווי אייער איי־גענע ווייב טריט אייך?"

וועל, איך האב נעבאך געמוזט צוגע־בען, אז אלעס איז כשר וישר, נאטינג טו גראמבעל, "פונקט ריכטיג ווי אדווער־טייזט!"

מציאות...

פון הלל יעקב הורוויץ.

אויף א סטאר באמערקט האב איך א סיין
מיט גרויסע בוכשאבען געשריבען:
"אן אויספארקויף! קומט דא אריין,
"מציאות פיעלע זענען פארבליבען.

"מציאות אין דרעסעס, מציאות אין לייס,
"מציאות אין וויסטען, פארשיעדענע גרויס,
"מציאות אינזיידענס, מציאות אין וואל,
"מציאות אין אלעס פארקויפט ווערט בזול".

איך בליק אויפ'ן שילד און קען ניט פארשטעהן,
ווי וואגען עס מענשען צו האנדלען געמיין,
ווערען דען מציאות אין סחורה געשאפט
אין ניט אין פארלארענע מענשליכע קראפט?

אט היינגט א שעהן געטרימטע וויסט,
באפוצט אין פראכטפולע אוזארען,
אויף איר האט א פרוי פאר א הונגער לוין
איהר בליהענדע יוגענט פארלוירען...

געוועסען פארהונגערט און פארשמאכט,
מיט דעם קערפער איינגעבויגען,
האט געארבייט ביז שפעט אין דער נאכט,
און געבלענדעט איהרע אויגען.

און אט איז א שעהנער פעדער בלום
באפוצט א הוט אזוי מיט פראכט,
און אויך דאס אויסגעגייטע בלוט,
האבען קינדער־הענט געמאכט.

אנשטאט אין סקול צו געהן און לערנען
און מיט חברים זיך צו שפילען,
טרייבט דער הונגער דיעזע קינדער,
אין די שעפער, אין די מילען.

וואו זיי ווערען שנעל פארקריפעלט,
אלטע חורבות און די יוגענד —
רואינירט אין גייסט און קערפער,
אהן לעבענס און טוגענד.

און די וואונדער־שעהנע זייד,
וועלכעס גלאנצט אזוי מיט פראכט —
ווייסט איר ווי עס ווערט געשפונען,
ווייסט איר ווי עס ווערט געמאכט?

ניין. דאס האבען ניט געמאכט קיין ווערים,
נאר פון מענשליכע געפיהלען,
אויסגעשפונען פון די גערערים,
דארטען אין די שעפער, אין די מילען.

און אין זיידען־פערים עס פארוואנדעלט,
וועלכע גלאנצען אזוי שעהן,
אט דאס ווערט געקויפט, געהאנדעלט
איינפאך פאר א הונגער־לוין.

און אין די גרויסע וועב־פאבריקען
ווערט דאס זייד געוועבט, געשטריקט,
פון א מאסע הונגער־שקלאפען,
וועלכע ווערען דארט גערריקט.

וואו זיי זיצען אפ דאס גאנצע לעבען
געטריבען דורכ'ן הונגער־נויט,
און נאר זיין וועבען, וועבען, וועבען . . .
ביז זיי וועבען אויס פאר זיך דעם טויט.

מציאות אין סחורה? א, ניין!
ס'איז מציאות אין אנגסט, מציאות אין פיין,
מציאות אין מארך, אין מענשליכער קראפט,
מציאות אין מענשען וואס זענען פארשקלאפט.

מציאות אין ארבייט פון יונג און פון אלט,
מציאות אין הערצער וואס ווערען שנעל קאלט,
מציאות פון סוועט־שאפ — פינסטער און נאס,
מציאות געשאפען דורך שפאט און דורך האס.

מציאות געשאפען דורך רויב און דורך שופט,
מציאות וואס קומען פון פארפעסטעטע לופט,
מציאות געווייקטע אין טרערען און בלוט,
דאס קריגט איר צו קויפען גאנץ ביליג און גוט.

„א פערדיש מיטעל"

(סאוועט הומאר)

א זעהר ארגינעלער פאל איז געשעהן דא ניט לאנג. די מעשה האט פאסירט אויף דער דרום־מזרח אייזענבאן. דער פאקט איז געווען באשריבען אין דער "רויטער גאזעטע". אזוי אז איהר קענט גלויבען, אז עס איז נישט אויסגעטראכט.

געהט זיך אזוי, שטעלט זיך פאר, אויפ'ן דרום־מזרח'דיגען וועג א געוועהנליכער פאסאזשיר צוג. געהט ער זיך אזוי ווי עס באדארף צו זיין, אהן פארשפעטיגונג, פינקטליך נאכ'ן פלאן. דערצו איז נאך דער מאשיניסט פונ'ם צוג געווען אן אלטער, געניטער ארבייטער, וואס פארשטעהט זיין פאך. און די קאנדוקטארען, דאס הייסט, די גאנצע בריגאדע, איז אויך געווען א געקליבענע, א באוואוסטזיניגע בריגאדע. און די פאסאזשירען אויך דאס איינענע — פיינע, ניכטערע פאסאזשירען, וועלכע שטערען נישט די באיועגונג. דאס הייסט מכח די פאסאזשירען איז נאך פאראן א חלוקי־דעות, ווייסט זיי דער רוח. ווער עס זענען געווען די פאסאזשירען, אפשר איז א העלפט פון זיי גאר געווען פשוט'ע פאסקודניאקעס. נאר דער עיקר איז דא נישט די פאסאזשירען, ווייל היינטיגע צייטען קען קיין פאסאזשיר קיין גרויסע דעות נישט זאגען. — איז געהט זיך אט אזוי דער קורסירענדער צוג נישט ווייט פון דער סטאנציע ראסאש.

פלוצלונג באמערקט די בריגאדע, אז ביים הינטערשטען חלק פונ'ם צוג איז עפעס נישט גלאטיג. מיט איין ווארט, עפעס א געוויש, א קלאפעריי, א טראסקעריי און אזוי ווייטער.

האט זיך די בריגאדע נישט געפוילט און א קוק געטאן וואס דארט טוט זיך. פלוצלונג דערזעהען זיי. טאטעלאך מיינע, און אויסערגעוועהנליך בילד: עפעס א צווייטער צוג יאגט זיי נאך פון הינטען, און עס איז צו באמערקען, אז ער לויפט מיט אלע כחות. די מחיצה ווערט וואס אמאל קלענער. ביי א סך האבען זיך די אדערען אנגעהויבען טרייסלען, ווייל אזא פאל איז אין דער גאנצער וועלט געשיכטע נישט געהערט געווארען — איין צוג זאל איבעריאגען א צווייטען. די בריגאדע האט זיך א ווארף געטאן צום קאפ פון צוג — צום מאשיניסט. זיי זענען איהם מודיע און בעטען איהם, ער זאל למען השם יאגען מיט אלע כחות, אז נישט קען נאך דער הינטערשטער מאשיניסט זיך אנשטויסען אין דעם צוג און עס קען געשעהן א קאטאסטראפע געגען דעם קאטעגארישען באפעהל פון חבר רוכימאוויטש.

דער מאשיניסט גיט זיך א קוק אום: טאקע א נישט געוועזענער פאל. און ניט פארלירענדיג זיך האט ער פארגרעסערט דעם דאמף און געפלויגען מיט א בליץ־שנעלקייט.

אט דא האט זיך אנגעהויבען אן אמת'דיג געיעג. דער ערשטער צוג פליהט, אבער דער צווייטער שטעהט אויך נישט אפ. ער גיט אפילו א סיגנאל דורך א פייפעריי, ווי איינער זאגט: אט יאג איך דיר איבער.

ענדליך זענען זיי כמעט איינצייטיג אנגעקומען צו א סטאנציע.

די בריגאדע איז ארויסגעלאפען פונ'ם צוג. דער מאשיניסט איז אראפגעשפרונגען: עס האט זיי פאראינטערעסירט צו וויסען, וואס איז דאס פאר א מאדנער צוג. זיי גיבען א קוק — פונ'ם הינטערשטען צוג געהט זיך אראפ דער מאשיניסט, עפעס איינער א סערגעיעוו — און שמייכעלט — קינדערלאך — זאגט ער — וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען? נאך אביסעלע — זאגט ער — און איך וואלט אייך איבערגעיאגט.

אויף אן אנדערער סטאנציע, פארשטעהט זיך, וואלט מען געכאפט אזא מאשיניסט און מען וואלט איהם אוועקגעפיהרט אין "ג. פ. או". אבער דא האט מען זיך באצויגען צו איהם זעהר מילד. זאל ער נאר ווייטער פאהרען צו דער סטאנציע ראסאש, דארט וועט מען זיך שוין פארגאנדערקלייבען.

דער מאשיניסט פונ'ם פאסאזשיר צוג זאגט: "יא, זעהר גוט, נאר זאל ער שוין פאהרען פאראויס, ווייל מיט זיין יאגעניש צורודערט ער מיינע נערוועו.

און אט זענען זיי ווייטער געפאהרען. נאך גלייך אויף דער ערשטער סטאנציע האט דער מאשיניסט סערגעיעוו פארטשעפעט עפעס א צוג און צובראכען עטליכע וואגאנען. ערשט דאמאלסט האט מען איהם ארעסטירט פאר זיינע חוצפה'דיגע מעשים.

מען האט אנגעהויבען צונויפשטעלען א פראטאקאל. מען פרעגט איהם, למאי ער פאהרט אזוי אונפארזיכטיג און חוצפה'דיג.

ענטפערט ער: "פארשטעהט איהר מיך, איך האב שוין עטליכע מאל געבע־

(פארזעצונג אויף פיידזש 6)

זי האט מורא

דער דיכטער אנרי פעטער האט אמאל געזאגט: "אין יערער זאך האב איך ליעב נאר דעם קערן".

— אויב אזוי — רופט זיך אפ 'מארק טוויין — וואלט איך געוואלט מיט אייך בשותפות עסען קארשען.

צו א שעהנע כלה

(נאך קרילאוו) פון יחזקל סויבער.

ראזע, א מיידעל א גאנגבארע סחורה,
האט זיך פלוצלונג א חתן פארוועלט;
מיר זעהען, געוועהנליך, אין דעם קיין עבירה,
עס באשטעהט דאריף די גאנצע וועלט.
דאך איין זאך האט דא ניט געלוינט,
זי האט זיך געהאלטען פאר זעהר שעהן
און דאריבער האט זי געמיינט,
איהר חתן מוז זיין ר' צאץ אליין;
אי רייך, אי קלוג, אי פרום, אי גוט,
אויך זיין יחוס זאל א וועלט באריהרען;
אי א למדן, אי א משכיל, אי א העלד מיט מוטה,
מעדאלען זאלען זיין ברוסט באצירען;
חוץ דעם ווי א יוסף זאל ער זיין שעהן,
ווייבער פאר איהם זאלען די פינגער שניידען;
ליבען זאל ער זי נאר אליין,
אנדערע פרויען ווי א פעסט אויסמיידען,
אויף איהר אבער "דזשעלאוס" ניט זיין חלילה,
א פריי'ען, געוועהנליך, מוז זי האבען טריט,
און אויב א חשד אמאל האט ער אפילו...
זאגען אבער טאר ער גאר ניט,
הייליגען מוז ער זי ווי א גאט,
און ווי א בריליאנט 'האלטען טייער,
גיט זי א פיפס, פאר איהר מינדסטען געבאט
זיך ווארפען אין וואסער, שפרינגען אין פייער.

און גיבען זיך חתנים א שאט ווי פליגען,
ס'ווילט זיך יעדען איינעם די קראסאוויצע קריגען,
אבער אומזיסט זייער טרחה, ס'געהט ניט פון ארט,
קיינער געפינט אין איהרע אויגען חן,
דער ניט גענוג רייך, דער איז ניט שעהן,
און יענער גלאט ניט קיין ריכטיגער ספארט,
איינער ניט געבילדעט, דער צווייטער קיין העלד,
דער דריטער א פראסטאק אין עטיקעט;
ביי יענעם, דאכט זיך, עפעס וואס פעהלט,
דער איז צו מאגער, דער אנדערער צו פעט,
און דאריבער אלע קריגען די "סעק",
מיט בזיונות שיקט זי זיי אוועק,
וויזענדיג די טיר.
— ווי קומען זיי צו מיר? —
אונזער יפת תואר שרייט:
— איך האב נאך פלענטי צייט,
חתונה האבען איז ניט קיין האסט;
ערשט מיר צוואנציג יאהרען געווארען.
איך מוז קריגען דעם, וואס מיר פאסט,
און מען מעג עס נעהמען נאך איינציגע יאהרען! —

די איינציגע יאהרען אוועק, חתנים "טרייען" נאך אמאל
צו קריגען די שעהנע ראזע'ס האנט;
אבער פיעל ווייניגער זענען זיי אין צאל
און פיעל ווייניגער זענען זיי אין שטאנד.
ווייניגער באטיטעלט,
גאר ניט באטיטעלט,
און דער יחוס אויך ניט גאנץ טייער.
"סטייטש", שפרינגט די כלה, ווי אויף פייער,
— אט איז דאס א העזה זיך אונטער צו שטעהן,
וועלען מיט מיר צו דער חופה געהן!
מיט מיר! וואס מיין בליק
האט מיט א קורצע צייט צוריק
מאגנאטען געמאכט פאר שקלאפען,
זאל איך איצט אט די אפען
שיינקען מיין אויפמערקזאמקייט?
חיה לא תהיה! איך האב נאך צייט,
איך קען נאך ווארטען אביסעל מעהר
ביז קומען וועט טאקע דער
וואס וועט זיין בעסער ווי די אלע! —
און אזוי איז ראזע נאך ניט קיין כלה.

זי ווארט. די צייט רוקט זיך טריט ביי טריט,
און נעהמט ראזע'ס יוגענט מיט זיך מיט,
ביסלאכווייז פארלעשט זיך דער פייער אין די אויגען,
דאס סאמעטענע געזיכט ווערט איינגעצויגען,
איהר ריהר, איהר קעהר, שוין ניט וואס געווען,
שטייף איז איהר נויג, קאלטליך איהר ברען,
די קראפט פון איהר שעהנקייט שאפט שוין ניט שטארק,
קענטיג געפאלען איהר פרייז אויפ'ן מארק,
עס ווייזט זיך שוין גאר ניט קיין קונה;
און דא אונזער יפת תואר קוקט זיך ארום,
געהאנדעלט האט זי אי גראב אי דום,
און אז איהרע חבר'טעס פון די זעלבע יאהרען
זענען שוין לאנג באבעס געווארען,
פארזעסען געבליבען איז זי איינע.
יעס! זי האט חרטה, אבער אביסעל צו שפעט,
און אום אין גאנצען קיין מויד ניט פארבלייבען,
אז מען האט זי מיט יאקעל דעם הויקער גערעדט,
הייסט זי גלייך תנאים שרייבען.

איהר פיהלט
אויסגעמאטערט?

איהר האט ניט קיין אפעטיט?
עס ווילט זיך ניט ארבייטען?

עקס־לאקס
(אין ענגליש EX-LAX)
דער בארימטער קענדי מאגען־ריינינגער

וועט אייך מאכען פריש און מונטער, וועט אייך אומקעהרען אייער אפעטיט און איהר וועט ווערען גאר א נייער מענש.

עקס־לאקס קומט אין 2 פארמען: „טשאקאלאר" און „פיג פלייוואר" (פייגען).

אין אלע דראג סטארס.

דער ליץ זאגט

ווען א מענש וואלט געוועזען א מאשין, וואלט ער געוועזען פיעל מאדערנער ווי אלס מענש.

* * *

ווען א מענש זאל אזוי אויפפאסען אויף זיך ווי אויף א מאשין, און אזוי מורא האבען פאר זיך ווי פאר זיין מאשין, וואלט יעדער מענש געהאט ווייניגער צוזאמענשטויסען מיט זיך.

* * *

וואס מיר ווייסען הערוויל פון דער דעבאטע איז, אז קלארענס דאראו און ראביי בריקנער האבען ניט דערלייגט צום געשעפט.

* * *

דער גרויסער עולם אין מעשי האל האט מיך איבערצייגט, אז דער מענש איז אזוי אומוויסענד, אז ער ווייסט אליין ניט וואס ער איז.

* * *

און אז ער איז נאך אלץ גרייט צו הערען אויב ער איז א מענש?

* * *

דער מאן פאר דער פרוי איז אלע מאל געוועזען א מאשין. עלטערען פאר קינדער האבען אלע מאל געארבייט ווי א מאשין. און אויב איר ארבייט ניט פאר די קינדער רעגולאר ווי א מאשין, זענט איר קיין מענש ביי זיי ניט.

* * *

מיין רומענישע שוועגערין זאגט: נעמט אוועק ביים שניידער, אדער ביים שוסטער זייער מאשין, און זיי וועלען שוין אליין ווערען אויס מענשען.

* * *

זי איז אויך שטארק צופרידען, וואס זי איז ניט קיין מערי פיקפארד, אדער קלארענס באו.

ווייל זאגט זי, אירע קינדער קענען דאן פריי ארומשפאצירען אין גאס, און זי האט ניט מורא אז מען וועט זיי קידנעפען, ווייל אויף רומענישע זענען פאר אן ווייניג בעלנים.

* * *

פאראן מענשען וואס זענען גלייך געוואקסען, פארט זענען זיי — קרומע מענשען.

קבצנים פאמיליע

פון שלמה שמולעוויטש.

(א פאראדיא פון א ליד פון דיכטער
משה גלאזער, רעטראיט.)

.1
דעם טאטען רופט מען לעמעל,
די מאמע האלט א קרעמעל,
א ציבעלע, א שוועמעל,
און די קינדער שרייען זעמעל.

.2
דער טאטע ארבייט זעלטען,
די מאמע האלט אין שעלטען,
דער ווינטער ברענגט קעלטען,
די קינדער קערען וועלטען.

.3
דער טאטע איז א כעסן
דער מאמע'ן כאפט וואו בייסען,
אין קיך קריכען פרייסען,
די קינדער שיכלאך רייסען.

.4
דער טאטע ליבט מאראנצען,
די מאמע איז ניט אינגאנצען,
און דארף א צווילינג ניאנטשען,
און די קינדער האפקען, טאנצען.

.5
דער טאטע געהט אהן קנעפלאך,
די מאמע צוואגט אויס קעפלאך,
פארפלעכט די מיידלאך צעפלאך,
און די קינדער, בעטען קרעפלאך.

.6
דער טאטע שרייט געפערלאך,
די מאמע שאבט אפ מערלאך,
באקלאגט זיך, אז ס'איז איר שווערלאך
און קינדער קומען יערלאך.

ניַיעס ביי אונז אין שטאדט

אידישע פארם שול געזעלשאפט רופט א מאסען־מיטינג

נאכדעם ווי עס איז לעצטענס געלונגען ערנסט צו באוועגען די טוער פון מאנטרעאל, וואו עס ווערט איצט צוגעגרייט אן ענערגישע אקציע לטובת דער איינציגער אידישער פארם־שול אין קאנאדע אום אפצוראטעווען איהר און פארזיכערען איהר ווייטערדיגען עקזיסטענץ, האט דער היגער קאמיטעט באשלאסען צוזאמרופען אויך ביי אונז אין טאראנטא אן אויסערגעוועהנליכען מיטינג אויף היינט צוויי בייטאג אין לייבאר לייסעאום.

עס איז נאך פאראן דרייסיג טעג אויסצולייזען די פארם פון שעריפ'ס הענט, אויב עס זאל זיך איינגעבען צו שאפען די פינף טויזענט דאלאר פאר'ן צווייטען מארטגיידזש. א העלפט פון דער סומע האט פארשפראכען מאנטרעאל בתנאי, אז טאראנטאר אידען זאלען ביישטייערן די צווייטע העלפט. עס דארף דא דערמאנט ווערען, אז אין פאקט האבען נאך טאראנטאר אידען ליידער ווייניג וואס געטאן פאר דער דאזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע, און עס וואלט באמת געווען נאר שענדליך פאר'ן אידישען נאמען ווען דער אונטערגאנג פון דער איינציגער אידישער פארם שול זאל חלילה געשעהן.

עס איז זעהר א מאראלישע פליכט אויף די לאקאלע כלל־טוער און ארגאניזאציעס ביים איצטיגען ערנסטען מאמענט ניט צו בלייבען שטעהן פון ווייטען און קומען זיך באטייליגען אויף דער דאזיגער נאר וויכטיגער פערזאמלונג.

חזן י. זייץ צו גאסט אויף א שבת

די בעאמטע און טוער פון דער אנשי ענגלאנד שול אין ספעדינע עוו. האבען אראנזשירט מיט חזן י. זייץ צו קומען דאווענען א שבת אין זייער שול, און ער וועט דא זיין שבת דעם צוואנציגסטען דעצעמבער.

חזן זייץ איז באקאנט אין שטאדט. ער האט דא פיעלע אנהענגער און פריינט און זיין באזוך וועט זיכער ארויסרופען צופרידענהייט ביי זיינע באקאנטע, און ביי די, וועלכע ווילען אים הערען.

ווי עס מאכט באקאנט ד. ה. אפליט, וויס־פרעזידענט און מענעדזשינג דירעקטאר פון דער דע פארעסט קראסלי לימיטעד, ראדיא מאנופעקטשורערס, איז מר. ר. א. הערים באשטימט געווארען אלס אדווערטייזינג מענעדזשער פון דער קאמפאניע.

ביים טאראנטאר פיאנערען פרויען קלוב

די ארבייט פון קעש־קאמפיין פאר די חלוצות אין ארץ ישראל געהט אן יעצט פיעל אינטענסיווער. ווייל קנאפע צוויי וואכען וועט נאך דער קאמפיין אנגעהן און פיעלע פלעצער זענען נאך ניט באזוכט געווארען. די צאל קאמיטעס איז פארגרעסערט געווארען און עס איז צו האפען, אז די, וועלכע האבען נאך ניט בייגעשטייערט צום קעש־קאמפיין וועלען נאך זייער חוב דערפילען.

דער קעש־קאמפיין וועט זיך שליסען מיט א הויז־צו־הויז זאמלונג זונטאג דעם 30־טען נאוועמבער. קיין אידישע הויז טאר ניט אויסגעלאזען ווערען און דערפאר טאקע פאדערט זיך א גרויסע צאל וואלונטירען. ווער עס איז ווילינג מיטצוהעלפען אין דער זאמלונג, איז געבעטען צו מעלדען זיך אין פארבאנד הויז און קריגען א דיסטריקט זונטאג 9 אין דערפריה, דעם 30־טען נאוועמבער.

די מיטגלידערשאפט פון טאראנטאר פיאנערען פרויען קלוב שטייגט מיט יעדער וואך. אויך ביי דער לעצטער פארזאמלונג האבען זיך איינינע מיטגלידער אנגעשלאסען און זיי זענען זעהר פייערליך אויפגענומען געווארען. די באוואוסטזיניגע אידישע פרוי באגריפט די וויכטיגקייט פון דעם היליגען צוועק — צו פארשטארקען די פרויען ווירטשאפטען אין ארץ ישראל און שטרעבט צו נעמען אן אקטיווען אנטייל. יעדע פרוי, וועלכע איז גרייט זיך אנצושליסען אין פיאנערען פרויען קלוב, קען זיך רעגיסטרירען יעדען מיטוואך אווענט אין פארבאנד הויז, 24 סיסעל גאס.

מאדעי ל. חפץ קאנדידאט פאר באארד אף עדיוקיישאן אין וואַרד 4

מאדעי ל. חפץ, וועלכער איז שוין גוט באקאנט אויפ'ן היגען פאליטישען פעלד לויפט אין דעם קומענדען עלעקשאן אלס קאנדידאט צום באארד אף עדיוקיישאן אין וואַרד 4.

מר. חפץ איז מיט 2 יאר צוריק געלאפען פאר דעם זעלבען אמט. און אלס נייער קאנדידאט האט ער דאמאלסט געצויגען אריבער 2 טויזענט שטימען. לעצטען יאהר האט ער אויף דעם פארלאנג פון זיינע פריינט ווי אויך אויף דעם פארלאנג פון דזשיי. דזשיי. גלעס, האט ער זיך צוריקגעצויגען אום צו געבען דזשיי. גלעס זיין ערוועהלונג ביי אקלאמיישאן.

מר. חפץ איז דאן גראטולירט געווארען ביי אלעמען אלס א "ספארט".

מאדעי ל. חפץ, ביי זיין פראפעסיע אלס לאיער, האט זיך געשאפען הונדערטע פריינט, סיי אלס לאיער און סיי אלס פריוואטער מענש. מר. חפץ באלאנגט צו פיעלע ארגאניזאציעס אין שטאדט. צווישען די פיעלע סאסייטיס באלאנגט ער אויך צו דער ראדימער פרענדלי סאסייטי, וואו ער נעמט א טיכטיגען אנטייל און ער ערווארט פון אלע זיינע פריינט און סאסייטיס, אז זיי וועלען אין דעם יעצטיגען עלעקשאן איהם קומען צו הילף.

עס איז אויך ווערט צו דערמאנען, אז מר. חפצ'עס קאמפיין מענעדזשער אין דעם איצטיגען עלעקשאן איז מאריס שאפירא, געוועזענער סופליאר פון סטענדערד טעאטער. מר. שאפירא איז א פערזענליכער פריינט צו מאדעי ל. חפץ.

מר. שאפירא לאזט וויסען אלע זיינע פריינט, ווי אויך די פריינט פון מר. חפץ אז אין די קומענדע טעג וועט ער אנאנסירען דעם ערשטען מיטינג צוגונסטען מאדעי חפץ.

גערופען צו דער באר

ק. חפץ, א זוהן פון גוט באקאנטען מאיר חפץ, איז גערופען געווארען צו דער באר, דאנערשטאג, און וועט איצט פראקטיצירען לאו.

ער איז אויך א ברודער פון מאדי חפץ, דער קאנדידאט אלס טראסטי אין וואַרד פיער.

אן אונטערנעמונג פון די „דאטערס אוו איזראעל"

די "דאטערס אוו איזראעל" טשאריטי סאסייטי פירט דורך א טעאטער אונטערנעמונג לטובת זייער סאסייטי, וועלכע גיט זיך ספעציעל אפ מיט העלפען ארימע פאמיליעס.

די סאסייטי האט א גוטען רעקארד פון לאנג־יעריגע הילפס ארבייט, און אין איצטיגען מאמענט איז זייער ארבייט פיעל וויכטיגער.

זייער אונטערנעמונג קומט פאר דעם 22־טען דעצעמבער אין סטענדערד טעאטער. און זיי בעטען די פארשידענע סאסייטיס און ארגאניזאציעס אויפצונעמען זייערע קאמיטעען און ביי זיי קויפען בילעטען.

אלפרעד גרין, א קאנדידאט אלס טראסטי אין וואַרד פיער

וואַרד פיער האט היינטיגעס יאר פיער אידישע קאנדידאטען צו דער באארד אף עדיוקיישאן, און איינער פון זיי איז דער גוט באקאנטער אלפרעד גרין.

מר. גרין האט שוין קאנדידירט אויף דעם פאליטישען פעלד מיט צוויי יאר צוריק, ער איז געוועזען א קאנדידאט אין וואַרד פינף, היינטיגעס יאר פרובירט ער זיין מזל אין וואַרד פיער, און ער ערווארטעט די מיטהילף פון אלע זיינע פריינט צו העלפען איהם אין די קומענדע וואהלען.

גרויסע זשאבאטינסקי פייערונג דעם 13־טען דעצעמבער

די היגע לעגיאנערען און וואלונטירען ליגע אראנזשירט א גרויסארטיגע 50־יעריגע יובילעאום פייערונג פאר דעם אקטיווען פירער פונ'ם פאליטישען ציוניזם און גרינדער פונ'ם אידישען לעגיאן, וולאדימיר זשאבאטינסקי.

די פייערונג וועט פארקומען אין דעם גרויסען אודיטאריום פון די "טיפ טאפ" טיילארס אויף פליט סטריט, מיט פאסיגע רעדנער, וועלכע וועלען אפשאצען די גרויסע פארדינסטען פון זשאבאטינסקי'ן, און נאכדעם וועט די יוגענט פארזעצען איר פייערונג דורך א ספעציעל אראנזשירטע טענץ פון די לעגיאנערען.

היינט, זונטאג פרי, 11 דעם זייגער וועט פארקומען א ספעציעלע פייערונג פון אלע חברים פון דער ליגע פאר דער דורכפירונג פון דער גרויסער אונטערנעמונג.

האבען אינסטאלירט בעאמטע

די חברה בני יעקב אנשי ביידזשיטשין האבען אינסטאלירט זייערע פאלגענדע בעאמטע:

עוזר קאהן, פרעזידענט.
נתן ווייסדארף, וויצע פרעזידענט.
מאיר רויזענפארב, קאסירער.
יונה שעכטער, טראסטי.
לייביש פרומאוויטש, סעקרעטאר.
זלמן שעכטער, האספיטעלער.

אלס עקזעקוטיוו מיטגלידער זענען אינסטאלירט געווארען: עקס פרעזידענט יחזקאל פרוכטמאן, איטשע מאיר שידלאווסקי, יוסיל מארקאוויטש, לייביש קאהן, יצחק גאלדמינץ, ישראל פרוכטמאן, עוזר ריידמאן.

אין דער באארד אוו דירעקטארס: יעקב קארענבלום, פרעזידענט; אלעזר זאלצמאן, לייביש קאהן, נתן שטארקמאן, מאיר רויזענפארב, אברהם משה אפעלבוים, משה שעכטער, ווילי ווייסדארף.

אלס גבאים: — נתן קאהן, יוסיל וויינפער.

אלס גבאים פון חברת קדישא: — נתן קאהן, איטשע מאיר שידלאווסקי.

זלמן שעכטער האט אינסטאלירט די בעאמטע.

האבען געזאמעלט געלט

אין הויז פון איטשע מאיר שידלאווסקי, 153 פאלמערסטאן עוועניו, איז פארגעקומען א מלוה מלכה פאר דער חברה קדישא פון דער חברה בני יעקב אנשי ביידזשיטשין. די גבאים זענען נתן קאהן און איטשע מאיר שידלאווסקי. ביי טישען פון גוטע מאכלים און שעהנע זמירות איז געזאמעלט געווארען די סומע פון 22 דאלאר פאר נויטיגע צוועקען.

א שעהנע שול ערעפענונג

דער חנוכת הבית פון דער קאנגרעגיישאן בית דוד, אין בראנזוויק עוו. איז געפראוועט געווארען אויף א גרויסארטיגען אופן. און אלס רעדנער האבען זיך באטייליגט מר. גרינבלאט, וויצע פרעזידענט פון דער קהלה, מר. בן ציון נייטענזאן, קאנטראלער ראבינס, אלדערמאן נייטען פיליפס, אלדערמאן פון וואַרד פיער און די רבנים, דער סטרעטינער רבי, הרב מאיר בערגער, הרב רייזענמאן און הרב לאנגנער.

חזן ב. וואלאוואוסקי מיט זיין כאר האבען געזונגען פאסיגע מזמורים.

די טוער דאנקען דעם פרעזידענט און דעם קאמיטעט פאר דער שעהנער אראנזשירונג.

האבען גע'גנב'עט בשותפות

פלארענס טעמפעלמאן, קאלעדזש סטריט, איידא קלערי, באטהורסט סט. זענען ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע, אז זיי האבען אין איטאנס געשעפט צוגענומען צוויי דרעסעס, צוויי סוטס אונטערוועש, צוויי פאר שיך, צוויי טייס און א האלבען טוצען סטאקענס.

די ארעסטירטע האבען ניט געלייקענט די קלאגע. זיי האבען זיך בלויז פארענטפערט, אז "קריסטמעס" איז נאענט און וויסענדיג, אז זיי קענען פאר געלט ניט קויפען, האבען זיי פרובירט זיך צוגרייטען מיט גוטע זאכען פריהער.

זיי וועלען גע'משפט ווערען קומענדע וואך.

גערופען צו דער באר

ליובע שעראזען, דאס איינציגע אידישע מיידעל צו גראדואירען דיעזען יאהר אלס אדוואקאט פון אסגוד האל.

מיס שעראזען איז א געוועזענע שילערין פון פרין שולע. עס וועט אפשר אינטערעסירען אונזער מאזירער לאנדסמאנשאפט צו וויסען אז די גראדואירטע איז די ערשטע מאזירער אדוואקאטין אין קענעדע.

מיס שעראזען וועט אנפיהרען איהר אייגענע פראקטיק אין 303 פעדעראל בילדינג.

א פערדיש מיטעל

(פארזעצונג פון פיידוש 5)

טען, מען זאל מיך אפזאגען פון מיין שטעלע, און זיי ווילען נישט, האב איך באשלאסען אפצוארבייטען עפעס א שפיצעל".

מען קאן זאגען, אז די אריבערפליהער פון איין שטעלע אויף א צווייטער זענען היינטיגע צייטען געווארען וואס אמאל געפערליכער. אבער זיי פיהרען זיך אויס זייערס.

און דער חוצפה'דיגער סערגעיעוו האט אויך דורכגעפיהרט זיינס: מען האט איהם אפגעזאגט.

און וואס איז שייך א בעסערע און באקוועמערע שטעלע, מעגט איהר זיין זיכער, אז ער וועט אי א שטעלע באקומען און נאך מיט א גוטען "רעגירונגס־פאיאק".

דער רוח ווייסט זיי, וואס פאר א פאסקודנע מענשען עס זענען פאראן.

רויכערט
טאבאק
„פאטיאמקין"
30 סענט
א באקס
עס שעדיגט ניט
אייער געזונט,
איז געשמאק,
און אנגענעהם.
פאר 10 קאווערס
פון פאטיאמקין,
באקומט איהר א
באקס טאבאק פרי
צו באקומען אין אלע אידישע גראסעריס און טאבאקא סטארס.

וויכטיג פאר אנטעריא
און אומגעגענט
דעם "טאגס" ראדיא קאנצערט וועט
געהערט ווערען
היינט
פון 12 מיטאג ביז 12.45
איבערן סטיישאן
W. G. R.
באפאלא, ניו יארק.
אלע זענען געלאדען זיך איינצוהערען
צו אונזער קאנצערט
דער „טאג"
ניו יארק



EVERY YEAR
MORE and MORE PEOPLE
buy Stromberg-Carlsons

Stromberg-Carlson
DEALERS'
JUBILEE!
celebrating the seventh year of advancing Stromberg-Carlson sales!

די פאדערונג פאר סטראמבערג־קארלסאנס וואקסט יאר נאך יאר. ווייל דער עולם אנערקענט אלץ מער די ווערט וואס עס גיבען די דאזיגע רעסיווערס. געבויט לויט די פרינציפען פון דער טעלעפאן וויסענשאפט, פון וועלכער עס שטאמען אפ די וויכטיגסטע ראדיא זאכען, פארזיכערט סטראמבערג־קארלסאנס די גוטע פיינע טאנשענקייט, די פארלעסליכקייט און די דויערנדע צופרידענהייט.

ווײַל
זיי האבען פארגליכען
די ווערטען

אויב איר ווילט וויסען דעם אונטערשייד צווישען א סטראמבערג־קארלסאן און א געוועהנליכע ראדיא, באזוכט אונזער סטאר אין דער צייט פונ'ם יובילייע, וואס מיר האבען לכבוד סטראמבערג־קארלסאנ'ס רעקארד־ברעכענדען סייל פונ'ם יאר וואס איז נאר וואס פארענדיגט געווארען. איינע פון די סטראמבערג־קארלסאנ'ס פיטשורס איז די "פול דייעל עפישיענסי" — ראדיא'ס לעצטער פארשריט וואס גיט גלייכע סענסיטיוויטעט, סעלעקטיוויטעט און א פיינעם טאן ביי אלע דייעל פאזיציעס. ניט בלויז א קוק אויפ'ן געבוי פון א סטראמבערג־קארלסאן. פארגליכט די ארבייט מיט דער פון א געוועהנליכען רעסיווער. דאן באטראכט דעם קאבינעט — עס איז פון אמתן וואלנאט — און האט מער שענקייט אין זיך ווי די אנדערע. מיר האבען פאר קאסטימערס א ספעציעלען פלאן אין פארלויף פונ'ם יובילייע, וואס מאכט מעגליך פאר יעדען צו קויפען א סטראמבערג־קארלסאן אויף אזעלכע טערמס, וואס איר וואלט באקומען אויף א געוועהנליכען סעט. ווארום ניט אראנזשירען יעצט פאר א טעסט ביי זיך אין הויז. און דערגיין ווארום עס איז ניטא קיין פיינערע זאך ווי א סטראמבערג־קארלסאן — און דאס אן שום אבליגאציעס.

No. 11 "Convertible" Console. A unique radio convertible into a Radio-Phonograph for the reproduction of records electrically, simply by installing in space already provided, the No. 1 Phonograph Panel Assembly (extra). No larger than an ordinary receiver. Employs 7 tubes, 4 of them Screen Grid. Walnut finish. Price, less tubes . $375

Listen to the Stromberg-Carlson Hour Monday Evenings in a Coast-to-Coast Broadcast of the Rochester Civic Orchestra over the N. B. C. Blue Network and Associated Stations.

קומט צו אונז אדער טעלעפאנירט און אונזער פארטרעטער וועט קומען צו אייך.
וועסט ענד מיוזיק סטאר
3324 דאנדעס סטריט, וועסט. 3324 DUNDAS ST. W.
טעלעפאן דזשאנקשאן 0887.



NEW LOW
CARTON PRICES
אויף עדיסאן מאזדא לאמפען!

גלייך עפעקטיוו, קענט איר מאכען א ווייטערדיגע איינשפארונג, קויפענדיג לאמפען ביים קארטאן. עס איז באקוועם צו קויפען לאמפען ביים קארטאן . . . און האנטיג צו האבען עטליכע "עקסטראס" ביים האנט. אריינצושטעלען אנשטאט די אויסגעברענטע. פילט אן אייערע סאקעטס מיט עדיסאן מאזדא לאמפען . . . זיי גיבען א ווייכע בארוהיגענדע ליכט און די פולע ווערט פאר'ן פארנוצטען עלעקטרישען שטראם.

EDISON MAZDA
INSIDE FROSTED
LAMPS
A CANADIAN GENERAL ELECTRIC PRODUCT



ווארום ליידען פון קראנקע פיס?
פאר גוטער וויסענשאפטליכער באהאנדלונג פון
די פיס זעט
מ. ס.
האפמאן
דאקטאר פון
סירודשיקעל טעראפי
א גראדואירטער
אילינאי קאלעדזש
פון טשיראפאדי
8 וועלינגטאן
סטריט, איסט
אפיס שטונדען פון 9 ביז 5
עלגין 5870
פאר אפאינטמענטס.
טעלעפאנירט

אידישע נייעס פון יענער זייט ים

אן ארים אידיש מיידעל האט געוואונען 8,000 דאלאר

פון ווארשע מעלדעט מען:

דא האט זיך געמאלדען אין באנק פאלסקי א אידישע פרוילין און פארגעשטעלט די דאלארבקע, אויף וועלכע עס איז געפאלען דאס געווינס פון 8,000 דאלאר.

ווי עס איז געלונגען זיך צו דערוויסען, איז דאס מיידעל אן ארימע נייהטארין פון דזשיקא גאס, און איז מיט'ן געוואונענעם געלט ממש אויפגעריכט געווארען.

צוויי אידען ערמארדעט פון א רויבער באנדע אין פוילען

פון ווארשע מעלדעט מען:

4 לאשיצער אידישע סוחרים, לעווין, שפילבוים, פלאטא און וויסמאן האבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים פון יאריד אין דראהיטשין (ביים בוג). איין קילאמעטער ווייט פון דער סטאציע ניעמאיקא נעבען קאנסטאנטינאוו, זענען זיי באפאלען געווארען דורך באנדיטען, וועלכע האבען ביי זיי צוגענומען גרויסע סומען געלט.

דער פאליציי איז נאכ'ן אנפאל געלונגען צו פארהאלטען צוויי פארשוינען, א געוויסען קורלא'ן און זיין געליבטע זאפיא קעפקא. די סוחרים האבען אין קורלא'ן דערקענט איינעם פון די אנפאלער.

די פאליציי האט דאן דורכגעפיהרט א שטרענגע אבלאווע אין דער גאנצער סביבה, און געפונען אין דארף ברושנא דעם טויטען קערפער פון סאקאלאווער פיש־הענדלער לייזער גאלדשטיין. ניט ווייט פון גאלדשטיינ'ען איז געפונען געווארען דער טויטער קערפער פון לאשיצער פיש־הענדלער יאנקעל רובינשטיין.

ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, זענען גאלדשטיין און רובינשטיין פריהער ערמארדעט געווארען און דערנאך בארויבט געווארען. מען איז זיך משער, אז דער רויב־אנפאל אויף די פיער אידישע סוחרים שטעהט אין ענגען צוזאמענהאנג מיט'ן מארד אויף די צוויי אידישע פיש־הענדלער. דערווייל אבער איז נאך אויסער די צוויי ארעסטירטע ניט געלונגען קיינעם צו פארהאלטען. די ווייטערדיגע אויספארשונג איז אין גאנג.

ווידער אידישע זעלבסטמארדען אין ווארשע

פון ווארשע מעלדעט מען:

אויף שוו. יערסקא נומ. 30 האט געוואוינט אלס סובלאקאטאר ביי אן אנדער ארימאן אין קעלער, דער סטאליאר ארבייטער יוסף האבערג.

סיי דער לאקאטאר און דער סובלאקאטאר האבען ניט געהאט צו צאהלען קיין דירה געלט, און דער בעל הבית פון הויז, א אידישער בחור, נאדזשעיא, האט זיי דעריבער פארקלאגט אין געריכט און באקומען אן עקסמיסיע. די טעג איז געקומען א קאמארניק און אנגעהויבען ארויסצווארפען האבערג'ס פאמיליע פון קעלער־שטוב. האבערג האט ניט געקאנט אריבערטראגען דעם צער, און אין די אויגען פון קאמארניק און א גרויסען עולם האט ער אויסגעטרונקען סם.

סענזאציאנעלער פראצעס געגען אידישע קאמוניסטען אין ליטא פאר דערמארדען א אידישען פראוואקאטאר

פון ווילנא מעלדעט מען:

דאס ווילנער קרייז געריכט האט באטראכט א סענזאציאנעלען פראצעס וועגען דערמארדען דעם אידישען בחור שווארצאוויג, וועלכער איז געפונען געווארען א דער'הרג'עטער אין בורבישעק.

דער באשולדיגונגס אקט דערצעהלט, אז נאטע ישראל שווארצאוויג איז געווען בעת די וואהלען צום פוילישען סיים אין יאהר 1928 א באפולמאכטיגטער פון דער קאמוניסטישער ליסטע נומ. 13 (ארבייטער און פויערים איניגקייט).

פאר די וואהלען האט שווארצאוויג געפרובט אפצוציהען צוריק די ליסטע געגען ווילען פון דער פארטיי, און דאס האט דערוועקט דעם חשד אז שווארצאוויג איז א פאליצייאישער געהיים אגענט.

אין שייכות דערמיט האט דער קאמוניסטישער פארטיי קאמיטעט ארויסגעטראגען אויף שווארצאוויג'ן א טויט אורטייל.

אין דער נאכט אויפ'ן 16־טען פעברואר 1928 איז שווארצאוויג ארויסגענארט געווארען פון שטוב, און ביי בורבישעק איז ער ערמארדעט געווארען.

די פאליצייאישע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דעם מארד זענען באגאנגען די מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון מערב ווייס רוסלאנד יעקב פערעוואזקין און פיאטר קרומינסקי, מיט'ן פסעוודאנים מארעק. ביידע דערמאנטע זענען אבער באצייטענס פארשוואונדען געווארען פון ווילנא, און די פאליציי האט זיי א לענגערע צייט אומזיסט ארומגעזוכט.

ערשט דא ניט לאנג איז געלונגען פעסטצושטעלען, אז מארעק געפינט זיך אין ווארשעווער טורמע „פאוויאק".

קרומענסקי איז געבראכט געווארען קיין ווילנא און ער האט זיך געפונען אויף דער באשולדיגונגס באנק פון ווילנער קרייז געריכט.

אלס פארטיידיגער איז ארויסגעטראטען אדוואקאט דוראטש פון ווארשא.

צוליעב דעם, וואס עטליכע וויכטיגע עדות האבען זיך ניט געשטעלט איז דער פראצעס אפגעלעגט געווארען.

טרופען געשיקט צו איינשטעלען ארדנונג אין שפאניע

מאדריד, נאוו. 20.

סאלדאטען פון טשילאנא, בורגאס און סעגאוויא זענען איצט אויפ'ן וועג קיין מאדריד, צו איינשטעלען דארט ארדנונג, פארשטארקערענדיג דעם דארטיגען גארניזאן.

אונזער טרייסט

מיר די חברות פון ש. פרוג פרויען קלוב ברענטש 4. א. נ. א. פ. דריקען אויס אונזער טיעפסטען טרויער און מיטגעפיהל צו חברה

שטיינהויז

ווי אויך צו חברה

טשאפניק

אויף דעם פארלוסט פון זייער פאטער

אברהם יצחק ענגלענדער ע"ה

מיר ווינשען אייך אז איהר זאלט מער פון קיין טרויער ניט וויסען אין אייער גאנצע פאמיליע. געפינט א טרייסט אין אונזער נאבעלע ארבייט פאר ארץ ישראל ווי אויך פאר אונזער שוהל. זאל אייער איבערגעגעבענע טעטיגקייט, ברענגען טרייסט אין אייער גרויסען אומגליק.

ש. פרוג פרויען קלוב

זייט געטרייסט

מיר שיקען א הארציגע טרייסט צו אונזער טעטיגע חברה און מיטגליעדערין פון שטאדט קאמיטעט

כ. שטיינהויז און פאמיליע

צום פארלוסט פון איהר ליבען פאטער

אברהם יצחק ע"ה

זייט אפגעהיט פון צער און געפינט א טרייסט אין אונזער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט.

י. פריימאן פארזיצער.
שטאדט קאמיטעט א. נ. פ.

THE
DOMINION BANK
עדלייד און ספעדיינע עוו. ברענטש

לאדעט ספעציעל איין אין איהר ברענטש די סוחרים פון דעם דיסטריקט צו ווערען מעהר היימיש אין דער באנק.

געלט קיין אייראפא שיקען מיר צו די ביליגסטע פרייזען. אויסגעצאהלט אין אמעריקאנער דאלארס, אדער ווי אזוי איהר ווילט.

זעהט אונז איידער איהר שיקט געלט. איהר וועט זיכער זיין איפרידען.

ס. ק. קוק, מענעדזש

וואל... סטריט

(א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידיש־אמעריקאנעם לעבען היינט צו טאג, געבויט אויף די לעצטע פאסירונגען אין וואל סטריט

— פון —

מארק סארדעל

(פארזעצונג)

— איך האב געהערט קיין ניו־יארק טייערע — האט סעם געענטפערט מיט א קאלטער גלייכגילטיגקייט. גלייך עס וואלט קיין שום באזונדערס ניט פארגעקומען.

— קיין ניו־יארק? — האט בעקי אויסגערופען און איהרע אויגען האבען אויפגעלויכטען — וואס הערט זיך אויף וואל סטריט?

— קיין באזונדערע נייעס.

— איהר ווייסט, סעם, עס איז ניט געווען קלוג צו פארפאהרען אזוי ווייט.

— ניין? — האט סעם געשמייכעלט — פארוואס? האסט דאך ערשט נעכטען געוואלט פאהרען מיט מיר ביז'ן עק וועלט.

— דאס איז געווען ביינאכט.

— א. ביינאכט, הייסט עס, איז אנדערש?

— יא. ביינאכט איז אנדערש, סעם — האט בעקי ערנסט געענטפערט — מיין כאטא איז, אז די נאכט מעג איך פארברענגען וואו איך וויל, בייטאג אבער מוז איך זיין אין וואל סטריט.

— נו, היינט וועט איהר שוין אויף וואל סטריט ניט זיין.

— דאס מאכט מיר אומרוהיג.

— אומרוהיג? פארוואס? — האט סעם געפרעגט מיט א מאדנער גלייכגילטיגקייט.

— איך ווייס ניט. איך ווייס אליין ניט! — האט בעקי געזאגט און האט אומרוהיג געשפאנט איבער'ן צימער — עפעס האב איך א מאדנעם געפיהל.

— נארישקייטען!

— נארישקייטען? — האט בעקי אויסגערופען — שוין נארישקייט קיין נארישקייטען, איך מיין, אז איך וועל באלד נעהמען די טריין קיין ניו־יארק.

— דאס איז אומזיסט.

— אומזיסט? פארוואס?

— ווייל איהר וועט סיי־ווי אנקומען אהין צו שפעט.

— צו שפעט?

— געוויס.

בעקי האט א קוק געטאן אויף איהם מיט א ווילדען בליק.

— וואס מיינט איהר, סעם? — האט זי אויסגערופען.

סעם האט באמערקט איהר ווילדען בליק און האט זיך ענגאפט אז עס איז אפשר נאך צו פריה צו רייצען זיך מיט איהר.

— בעקי, טייערע — האט ער געזאגט צו איהר — מיר האבען דאך ניט געגעסען נאך קיין ברעקפעסט.

— איך וויל ניט עסען! — האט זי אויסגעשריען.

— פונדעסטוועגען — האט ער גוטמוטיג געזאגט צו איהר — דארף מען זיך ניט צוהערען צו יעדער נארישער שטימונג. לאמיר ארונטערגעהן און עפעס אפעסען. דערנאך וועלען מיר זעהן.

— איך וויל פארען קיין ניו־יארק! — האט זי פלוצלונג אויסגערופען.

— שפעטער, נאך ברעקפעסט! — האט סעם איהר איינגערעדט.

ער האט זי אנגענומען אונטער'ן ארעם און האט זי צערטליך ארונטערגעפיהרט אין רעסטאראן.

בעקי איז נאכגעגאנגען אזוי ווי אהן אייגענעם ווילען.

קאפיטעל זעכציג־ניין.

נקמה

סעם האט געהאלטען אין באשטעלען איין געריכט נאכ'ן אנדערען, אזוי ווי ער וואלט זיך געגרייט צו עסען דעם גאנצען טאג.

— וואס מיינסטו, עס איז דינגער איצט? — האט בעקי צו איהם א שמייכעל געטאן.

סעם האט צוריק געשמייכעלט מיט א פיעל־באדייטענדען בליק.

— איך וויל פארטרייבען דיינע אומטיגע געדאנקען — האט ער געשפאסט.

בעקי אליין האט אויך געפיהלט, אז ס'איז נאריש צו זיין אזוי אומרוהיג, און דערצו נאך די אומרוהיגקייט ארויסצואווייזען. איבערהויפט ווען זי האט קיין שום אורזאך ניט געהאט אומרוהיג צו זיין.

— דאכט זיך, אז נעכטען איז אלץ געווען אין דער בעסטער ארדנונג אויף וואל סטריט — האט זי געזאגט עסענדיג.

— וואל סטריט? — האט סעם פארוואונדערט א פרעג געטאן, אזוי ווי ער וואלט דעם נאמען וואל סטריט איצט געהערט צום ערשטען מאל אויף זיין לעבען.

— הפנים — האט זי געזאגט מיט א שמייכעל — אז דו געהסט אוועק פון וואל סטריט, פארגעסטו אז עס איז פאראן אזא זאך אויף דער וועלט.

— ניין, איך פארגעס ניט — האט סעם געענטפערט מיט אן ערנסט קול — אבער איך מיש ניט מיין ליבע מיט ביזנעס.

בעקי איז רויט געווארען. זי האט געפיהלט דעם שטאך. פונדעסטוועגען האט זי זיך געמאכט ניט וויסענדיג.

— וואס מיינסטו? — האט זי געזאגט.

— איך מיין פשוט — האט ער געענטפערט — איך האב אזוי לאנג געווארט אויף דעם טאג, ווען איך וועל קענען אומגעשטערט פארברענגען מיט דיר, אז איצט, כל זמן איך בין מיט דיר צוזאמען, קען איך וועגען קיין אנדער זאך ניט קלערען.

— דאס איז שעהן פון דיר, סעם — האט זי געזאגט — איך פיהל ווי צו אנטשולדיגען זיך פאר דיר.

— אנטשולדיגען זיך דארפסטו ניט — האט סעם געזאגט — אבער אזוי צאפלען זיך איבער וואל סטריט, דארפסטו אויך ניט.

— אבער דו ווייסט דאך דעם אמת, סעם, אז וואל סטריט איז ניט ווי אן אנדער ביזנעס.

— אלע ביזנעס זענען גלייך.

— ניין, ניט גלייך. פארוואס זאלסטו אזוי זאגען, סעם? דו ווייסט עס. אין אן אנדער ביזנעס, אז מען לאזט איבער א פאראנטווארטליכען מענשען, קען מען רוהיג אוועקפאהרען אפילו אויף דריי חדשים. וואל סטריט איז אנדערש.

סעם האט געשוויגען.

— איך ווייס עס פון ערפאהרונג — האט בעקי ווייטער גערעדט — אויף וואל סטריט קען אלץ „אויסקוקען" שטיל און רוהיג, און מיט אמאל זאל עפעס פאסירען, וואס קען א מענשען רואינירען אין איין האלבען טאג.

— אבער צו וואס די דאזיגע נארישע געדאנקען! — האט סעם געזאגט — דו ווייסט, אז דו קענסט איצט ניט באווייזען צו קומען אויף וואל סטריט, סיידען אויף אן עראפלאן.

— נו, איז אויף אן עראפלאן!... — האט בעקי אויסגערופען מיט א שמייכעל.

סעם האט אויף איהר א קוק געטאן מיט א צושראקענעם בליק.

— דו מיינסט עס ערנסט? — האט ער אויסגערופען.

— פארוואס ניט? — האט זי געשמייכעלט — ווען עס וואלט נאר נויטיג געווען...

סעם האט לייכטער אפגעאטעמט.

— דאנקען גאט — האט ער געזאגט — וואס דאס איז ניט נויטיג.

— איך האב סייזוי געשפאסט, סעם — האט בעקי געזאגט.

— און דו מיינסט — האט סעם געזאגט — אז איך וואלט דיך באלד געלאזט פליהען אויף אן עראפלאן.

— פארוואס נישט?

— א. נארישקייטען: דערווייל איז א באן נאך גענוג שנעל פאר מיר.

— היינטיגע צייטען — האט בעקי געשמייכעלט — זענען אפילו עראפלאנען ניט שנעל גענוג.

ס'איז שוין געווען נאך צוועלף דעם זייגער ווען זיי האבען זיך אויפגעהויבען פון טיש.

— איצט וואס? — האט סעם געפרעגט.

— טו מיר עפעס צוליעב, סעם — האט בעקי געבעטען.

— נארישקייטען! היינטיגען טאג ביזטו מיינע.

— סעם, איך קען רוהיג ניט זיין.

— מיר דארפען היינט זעהן די נייאגרא פאלס — האט סעם געזאגט.

— ניין, ניין!

(ווערט פארגעזעצט)

דעם לעזערס ווינקעל

זעהר חשוב'ער רעדאקטאר: —

לייענענדיג אין 'אידישען זשורנאל" פון די כל'ערליי אומגליקען וועלכע טרעפען זיך אין אידישע הייזער צוליעב דעם וואס דער עולם ווייסט ניט ווי צו באגעהן זיך ביים רייניגען די קוימענס און פויערניסעס, געפין איך פאר מיין חוב אלס א מענש וועלכער האט שוין קנאפע צוואנציג יאהר פראקטיקע אין דעם פאך צו געבען דעם אידישען עולם עטליכע כללים ווי אזוי צו פיהרען זיך ביים רייניגען און זאלען מיינע עטליכע ווערטער דיענען צו פארהיטען דאס געזונט פון אידישען עולם.

1) רייניגט גוט אויס אייערע פייפס אידער איהר מאכט פייער אין אייער פארניס אדער אויווען.

2) גיט גוט אכטונג, א די פייפס זאלען ניט זיין אריינגערוקט אין די עלבאוס (קאלאנעס) מעהר פון צוויי אינטשעס די טיעף.

3) טוט אריין אייער האנט אין די "טשימנע" און זעהט צו אינעווייניג איז ניט פאראן אזא פעטס. ווי סמאלע. אויב אזעלכעס איז פאראן איז א בעוויז אז עפעס איז קאליע און רופט גלייך א פאכמאן און ער וועט שוין פאררריכטען.

4) אייער "טשימני" מוז זיין 4 פוס אריבער דעם דאך.

5) אייער "טשימני" טאר ניט זיין נידעריגער ווי אייער שכנ'ס וואנט.

6) אייער "טשימני" מוז פון אונטען ביז ארויף זיין גאנץ.

7) ביליגע קוילען — ברענגען זעהר אפט צו אלע אומאנגענעמליכקייטען איז שטענדיג גלייכער צו נוצען א גוטע קויל אפילו ווען עס קאסט עפעס טייערער.

8) דאס פייער מוז רוישען און די פראבע איז, צו שטעלען אן אנגעצונדען ליכט צום טירעל פון אייער פארניס, אויב דאס ליכט ווערט ניט פארלאשען איז א סימן, אז עס איז ניט גוט און רופט א בעל מלאכה.

אז איהר וועט אפהיטען די אלע כללים בין איך זיכער אז איהר וועט ניט האבען קיין "טראבעל" און אייער געזונט וועט זיין געסייפט.

מיט דרך ארץ,
ליפע גרין,
356 בראנזוויק עוו.

WHEN IN NEED

האט אין זינען אז מיר האבען שטענדיג גענוג קעש — איהר קאנט לייען וועלכע סומע איהר ווילט אויף קורצע נאטיס און אויף זעהר גינסטיגע טערמס צו אויסצאהלען.

דאנדעס און ספעדיינע ברענטש
514 דאנדעס סט. וועסט.

CENTRAL FINANCE CORPORATION
BRANCH OFFICE
514 Dundas St. West cor. Spadina, Trinity 4862
C. I. BENJAMIN, Manager

50 STATIONS 15 MINUTES

GENERAL ELECTRIC FULL RANGE Radio

THE HIGHBOY

דזשענעראל עלעקטריק לאו־באי	$225.00
דזשענעראל עלעקטריק הייבאי	$275.00
דזשענעראל עלעקטריק, ראדיא־פאנאגראף	397.50
דזשענעראל עלעקטריק, סטור דיא לאו באי	185.00

אלע פרייזען קאמפליט מיט קענעדיען דזשענעראל עלעקטריק ראדיאטראנס.

פופציג סטיישאנס — קלאר און ריין — אין פופצען מינוטען! דאס איז ווירקליך געווען דער פאל מיט דער נייער **דזשענעראל עלעקטריק** פולער רענדזש **ראדיא.**

דא איז א באוויז פון פולער רענדזש סעלעקטיוויטעט וואס מאכט מעגליך די אפזונדערונג פון סטיישאנס . . . פולע רענדזש סענסיטיוויטעט וואס דערמעגליכט אייך אויפצונעמען די פראגראמען, די ווייטסטע אויף דעם געוועהנליכען רעסיווער.

און דאס איז ניט אלעס. איר באקומט אויך פולען רענדזש טאן . . . אזוי ווירקליך, אזוי נאטירליך, און אזוי געטריי צום אריגינאל, וואס איז דער וואונדער פון די מוזיק קריטיקער.

פאר 25 יאר צייט איז די דזשענעראל עלעקטריק געוועזען דער פיאנער אין ראדיא . . . און די נייע **דזשענעראל עלעקטריק ראדיא** פארקערפערט אין זיך יעדע פארבעסערונג. וואס איר האט געוואלט האבען אין א ראדיא סעט. עס איז פיעלע מאל מער סעלעקטיוו און מער סענסיטיוו ווי די פריערדיגע סעטס.

איר זייט איינגעלאדען צו הערען די נייע **דזשענעראל עלעקטריק ראדיא** און אליין צו אורטיילען וועגען אלעס. אויפנאמע, די שענקייט פונ'ם קעבינעט און די אנדערע פיטשורס.

יעדער מאדעל וועט אייך דעליווערט ווערען און איר קענט אויסצאלען וועכענטליך אדער מאנאטליך. פרייע סערוויס. קיין אינטערעסט. א ליבעראל עלאוענס פאר אייער אלטע ראדיא אדער פאנאגרף.

ס. הימעל, אייגענטומער.

TORONTO TIRE SALES Co
PEERLESS BICYCLE WORKS

אויטאמאביל אייערס און טובס, אויך וואלקעניזינג. פארשידענע קינדערשע בייסיקעלס פאר געבורטסטאג מתנות.

3582 טעלעפאן עדלייד 191-3-5 דאנדעס סט. וו.

לאיער א. ה. בראון

באריסטער, סאליסיטער, נאטערי פאבליק
394 בעי סטריט
טעלעפאן עדלייד 2544. רעזידענס הילקרעסט 6146.
געלט געליען אויף מארגעדזשעס אויף 6 פראצענט.

טעלעפאן עדלייד 9768, הויז טעל. טריניטי W 3195

לאיער דזשאזעף מ. גארדאן

באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי פאבליק.
האט געמופט זיין אפיס אין:
300A דאמיניאן בילדינג
465 בעי סטריט, בעי און אלבערט סטריטס

לאיערס דזש. דזש. גלעס און אי. פי. דיסלער

— פון —
גלעס, דיקלער און קא.
רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט
אפיס טעלעפאן עלגין 5512.
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו פראקטיק
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט 705 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן: וויווערלי 2211 הויז טעלעפאן טריניטי 7461.

לאיער ב. ווינבערג ב.א

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

לאיער מאריס ש. מילסטאן

באריסטער, סאליסיטאר און נאטארי פאבליק.
סטענדערד טעאטער בילדינג
287 ספעדיינע עוו. טעל. טריניטי 3360
אבען אווענטען. דאון־טאון אפיס, 394 בעי סט. טעלעפאן עלגין 6002
רעזידענץ טעלעפאן טריניטי W 4022.

הערמאן מאסקאוויטש און הערי ר. מאסקאוויטש
באריסטערס, סאליסיטערס א. ז. וו.
וועלכע פראקטיצירען אונטער'ן נאמען

מאסקא און מאסקא

האבען זייער אפיס אין
901 קאנקורס בילדינג 100 עדלייד וועסט
וויווערלי 7794. רעזידענץ טריניטי 2349.
ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס צו מעסיגע פרייזע

לאיער ניומאן

אפיס: 4 ריטשמאנד סטריט איסט ELGIN 1305
רעזידענס 874 עווענינו ראוד. טעלעפאן היילאנד 6840.

לאיער סעמועל ד. עלענבערג

באריסטער, סאליסיטאר און נאטארי פאבליק
301 סענטראל בילדינג
45 ריטשמאנד סט. וועסט
אפיס טעלעפאן: עלגין 0627. הויז טעלעפאן: לאמבארד 6138.

לאיער ל. דזש. צוקער

באריסטער, סאליסיטאר נאטארי פאבליק.
באנק אף נאווא סקאשיא בילדינג
514 דאנדעס סט. וועסט (קאר. ספעדיינע עוו.)
רעזידענץ: 214 בעווערלי סט. טעל. טריניטי 0249.
אפיס טעלעפאן: טריניטי 7651.

נארמאן בארינס

באריסטער, סאליסיטאר און נאטארי פאבליק
(פריער נארמאן בארינסקי)
רום 605 טראסט און גאראנטי בילדינג
302 בעי סט. טעלעפאן עלגין 3153—3154.
אדוויזארי קאונסיל — דזשיי. וו. קורלי קיי. סי.
געלט צו אינוועסטען אויף 1־טען און 2־טע מארגעדזשעס.

THE ART GALLERY

(דאנדעס סטר. צווישען בעווערלי און מיקאל סטר.)

51־טע יערליכע אויסשטעלונג פון די ראיעל קענעדיען אקאדעמי אף ארטס
און
אן אויסשטעלונג פון וואקסענע מיניאטורען פון רוט בוירק

אפען טעגליך, — פון 10 פרי ביז 5 נאכמיטאג.
אלגעמיינער איינטריט 25ס. — מעמבערס פריי.
איינטריט פריי — שבת פון 10 פרי ביז 5 נאכמיטאג.
זונטאג — פון 2 ביז 5 נאכמיטאג.
נעמט דאנדעס קארס.

— — קלירינג סעיל — —

פון ניו־יארק סעמפעל דרעסעס
און דזשורזי סוטס
ביי מאדאם העלען, 17 בארדען סטריט

אלע דרעסעס זענען פון די נייעסטע סטיילס, דאך וועלען זיי פארקויפט ווערען 40 פראצענט ביליגער.

איר קענט אויך באקומען: קרעיפ־דע־שין אנדערוועער און נעגלידזשיעס צו ביליגע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך.

MADAME HELENE
17 Borden St. near College Kingsdale 7881

סיפט דאקטוירים און דראגיסטען בילס
ביים באנוצען זיך מיט דעם ניי איבערגעפיקסטען מאדערנעם סענטער עוו.

ריימאנס רוסישע באד

וועלכעס איז איצט דאס בעסטע שוויץ־באד אין שטאדט. אפען פאר מענער:
פרייטאג, שבת נאכט, זונטאג און דינסטאג אווענט.
פאר פרויען: פרייטאג און זונטאג אווענטען און מאנטאג נאכמיטאג
36 סענטער עוו. טעלעפאן עדלייד 3646.

אידישער גאראזש אין אידישן דיסטריקט

מיר פיקסען אלסדינג אין א קאר, אלע מאדעלס קארס, די בעסטע ארבייט גאראנטירט און צו מעסיגע פרייזען. שנעלע סערוויס, פרייע טאאינג.
$1 וואש, אלעמייט, געז, אויל, טייערס, טיובס, „פרעס א לייט" בעטערים.
אפען 24 שטונדען.

CRANGLES GARAGE
קאלעדזש און מארקהעם סטס. טעלעפאן טריניטי 8868.

באקאנטמאכונג פון

מרס. זאלצמאן

צו אלע מיינע קאסטימער און פאטראנייזער לאז איך וויסען, אז איך בין צוריק אין ביזנעס, מיט דער זעלבער

ניו טעסט געזאלין קאמפאני

וועלכע פארקויפט דעם בעסטען געזאלין און אויל צו ביליגע פרייזען.

אין מיין ניי־ ערעפענטען פלאץ וועט איר באקומען אלע סארטען הארדוועיר, עלעקטריק סופליים, קאטלערי, און דישעס, פונקט ווי אמאל.

צו מיינע אלטע, ווי אויך נייע קאסטימער: — קומט און איבערצייגט אייך.

מיין נייער אדרעס איז:
608 דאנדעס וועסט
טעלעפאן טריניטי 8946
מיר דעליווערען איבעראל.

פאר קאוטס געמאכט ספעשעל צו ארדער

האדסאן סיל קאוטס

גאראנטירט פאר ארבייט און קוואליטי.
בלויז פאר 135 דאלאר
רילייניג און רעמאדעלינג געמאכט ביליג
קראוויץ פאר קא.
35 בעלוויו עוו. טריניטי J 6356.

הענרי ס. ראזענבערג

און קאמפאני
באריסטערס, סאליסיטארס א. ז. וו.
703—702 פעדעראל בילדינג.. 85 ריטשמאנד סטריט
טעלעפאנס: עדלייד 1387 — 1386. אווענטען: היילענד 9415.
און אז איצט זענען פארבונדען מיט אים
האריס ג. בריסטאן און לעאנארד ס. סמיט

ליידט איהר פון עקזימא, רינגווארם, סארייעסעס, אנדערע שלעכטע הויט־קראנקהייט, איהר האט אלעס געטאן, און עס האט ניט געהאלפען, דאן נוצט

קאנגא סעוו

דער נייער מעדיצינישער זאלב, וואס טוט אויף וואונדער. מאכט די לייב קלאר, צארט און ריין ווי ניי־געבארען.

פרייז 1 דאלאר

ליידעט איהר פון רהומאטיזם, ניוראלדזשיע, לאמבעגא, שטייפע גליעדער געשווילאכץ, אדער א שלעכטע קאלד, דאן רייבט זיך איין מיט

קאנגא לינימענט

טרייעל באטעל בלויז 25ס.

דיעזע ביידע וואונדערבארע קאנגא־מעדיצינען צו באקומען:

ביי סינגער ברידער (דראגיסטען)
26 קווין איסט. עלגין 7512

SINGER BROS., DRUGGISTS
26 Queen St. E. Elgin 7512

מיר דעליווערען און שיקען אויך ביי מעיל. פאסטיידזש פריי.

חזן כ. וולאדאווסקי

היניעניש ־ געשולטער סוירהזשען

מוהל

— אויך —
מאדערנער מסדר קדושין
סוירוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס עהטען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז יער בענעפיט פון זייער קינדער.
סאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל סייגעם ניט אנטזאגען צו קומען.
וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
בריסע אומזיסט.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 3087 נאך 7 אווענטען טריניטי M 6520

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
477 BAY ST



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט. וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט
און אפטישען

דר. הענרי העריס

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 איהר אין אווענט

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p.m.

אן אבשיידס פאר־שטעלונג און קאנצערט

לכבוד דעם יונגען שוישפילער

חיים טויבער

וועט פארקומען
זונטאג אווענט
7־טען דעצעמבער, אין
בראנזוויק ת״ת
13 בראנזוויק עוועניו

א וואונדערבאר שעהנער פראגראם ווערט צוגעגרייט, און איינלאדונגען זענען שוין צו באקומען.

מואווינג נאטיס

דר. מ. פיזוניק

דענטיסט

אנאנסירט דאס ער מופט איבער זיין אפיס דעצעמבער דעם ערשטען אין דעם נייעם בילדינג
455 ספעדיינע עוו.
קארנער קאלעדזש סט.

דער יעצטיגער טעלעפאן נומער איז:
קינגסדייל 5955

רעוו. ש. ז. גרינגארטען

אנערקענט אין
אלע האספיטעלער
אלס מוהל
פון ערשטען גראד
אויך אן
אינטעליגענטער
מסדר קדושין

רופט מיר אויף אייערע שמחות. איך וועל אייך דינען צו דער בעסטער צופרידענהייט.
פאר ארימע אומזיסט
מיין אדרעס:
39½ מארקהאם סטריט
טעלעפאן טריניטי F 3406.

פייפערהענגינג און פיינטינג

אייער אלטער באקאנטער פייפער הענגער און פיינטער נעמט אן קאנטראקט דזשאבס צו די ביליגסטע פרייזען. די בעסטע ארבייט גאראנטירט. קיין דזשאב צו קליין אדער צו גרויס. עסטימייטס פרי רומס געפייפערט פאר 5 דאלאר או העכער מיט מיין פייפער.

סעם קאץ, 166 אסינגטאן עוועניו
לאידברוק 2350

1459-11-25

קארפענטער

דזשענעראל קאנטראקטאר

אלערליי קארפענטער ארבייט.
פעקטארי און סטאר ארבייט
אלעס ביליג

א. נעלמאן

989 דאנדעס סטריט וועסט
טריניטי 3934.

5948-12-3

צו אמוזירן

באנקעטען, יארפעסטען און יוביליעאומס אונטערהאלטונגען. אונזער אידישער פאלקס־דיכטער, מוזיק קאמפאזיטאר און זינגער

שלמה שמולעוויטש

געפינט זיך איצט אין שטאדט צוליעב זיין קאנצערט, וואס ער מיט זיין טאלאנטירטע טאכטער **דאראטי**, ערשט־קלאסיגע ארטיסטען, גועלען געבען דעם 28־טען דעצעמבער **זונטאג** פונקט 8, אין בראנזוויק תלמוד תורה.

מאכט דער דיכטער באקאנט צו יעדער ארגאניזאציע, וואס מאכט אן אונטערהאלטונג, ווי א יובילעאום, באנקעט, אדער א ליטערארישען אווענט קען אים איינלאדען פאר א מעסיגען פרייז.

ווער עס האט קינדער וואס ציינען ארויס טאלאנט אין זינגען, קען דיכטער שמולעוויטש אין זיי אנטוויקלען דעם טאלאנט, און אויסלערנען זיי צו זינגען אידישע נאציאנאלע און פאלקס לידער, פאר א מעסיגען פרייז.

וועגען קאנצערט בילעטען און אנדערע אויסקינפטע זיך ווענדען צו:

SOLOMON SMALL
25 Grange Ave., Toronto
Trinity 9357F

STANDARD THEATRE

טריניטי 4310.
א. עקסלער, מענעדזשער.
עלעקס קאהן, קאמפאני מענעדזשער פון דער אידישער אקטיארען יוניאן.

מיטוואך אווענט
נאוו. דעם 26־טען
ליידיס פריי 2 פאר 1

צום ערשטען מאל אין טאראנטא וויליאם שעקספיר'ס קלאסישע ווערק

„שיילאק"

אדער דער קויפמאן פון ווענעדיג
בערנארד עלווינג אין דער גרויסער קונסט ראלע אלס שיילאק

פרייטאג אווענט, שבת מאטינע און אווענט
נאוו. 28־טען און 29־טען
א גרויסע איבערראשונג פאר טאראנטאר אידען

אידישע אקטיארען יוניאן פרעזענטירט

בערנארד עלווינג
ראוז וואלערשטיין
עני זימאן
יאזעף טאנצמאן

צוזאמען מיט פעליקס פאגעלנעסט, סטעלא גאלד, איזידאר עלגארד, סידעל עפשטיין, סאול דזשאזעפסאן, אלעקס קאהן, אסקאר אסטראף און מאקס העניג, ווי אויך ווערא זאסלאווסקאיא.

אין דעם גרויסען ניו־יארקער סוקסעס

„איך וויל א קינד"

פון א. בלום. רעזשי — ב. עלווינג.
מוזיק פון י. טאנצמאן.

אויסגעשטאטעט פון א. עלגארד.
איך וויל א קינד איז א ראמאנטיש לעבענס בילד, וואס ווערט איצט געשפילט אין א גרויסען ניו־יארקער טעאטער מיט דעם גרעסטען ערפאלג. און מיר זענען זיכער, אז עס וועט טאראנטא איבערראשען.

[illegible]
אוצע הייננינע ייאר
„גוד ניוס"
— מיט —
בעסי לאוו
אויך א קאמעדיע
"דאגוועי מעלאדי"

הרב ריזענמאן'ס

אדרעס איז
145 סיטאן סט.
(קארנער דאנדעס סטריט איסט)
טעלעפאן עלגין 8064

נעהמט אן דין תורות, ארביטריישאנס, און מסדר קדושין, און מסדר גיטין, אויך אלע רבנישע אנגעלעגענהייטען.

קאפלאן קאסטאמס בראקערס

הזן קאפלאן איז א גאווערנמענט אטירייזד קאסטאמס בראוקער. ווען איר דארפט וואס ארויסנעהמען פון קאסטאם הויז אדער איר דארפט שיקען וואס נאך די יונייטעד סטייטס און יוראפ, דאן ווענדעט זיך צו מ. קאפלאן און זוהן. אויך דזשענעראל אייזשענטס פאר אלע סארטען אינשורענס פון די בעסטע קאמפאניעס.

צופרידענהייט גאראנטירט.

Kaplan Custom Brokers
General Insurance Agents
55 Yonge St. Elgin 8155-6-7
Res. 47 Rose Park Road
Hyland 1960

רעוו. פ. דאלגאף

דער בארימטער

מוהל

ספעציאליסט
אנערקענט אין אלע האספיטעלער פון אלע דאקטוירים

413 Dovercourt Road
TELEPHONES:
Lom. 1220 Tr. 7830j El. 3086